STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02480

POL VERLEN

Malka Locker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה לאָקער

פּאָל ווערלען

מלכה לאָקער

פּאָל ווערלען

פאַרלאַג
י. ל. פרץ
ישראל

תשל״ו — 1976

MALKA LOCKER

★

PAUL VERLAINE

I. L. Peretz Publishing House
Tel Aviv, 31, Allenby St.

Phinted in Israel

מלכה לאָקער

✶

פּאָל ווערלען

©

פאַרלאַג י. ל. פרץ, אלנבי 31, תל־אביב

נדפס בישראל, תשל״ו
על־ידי ״ידע־סלע״ בע״מ, רח׳ הנגב 8, ת״א, טל׳ 31061

מלכה לאָקער

אַרײַנפֿיר

אויב אַ מענטש ווי איך רעדט וועגן מאָדערנע פּאָעטן, מיין איך די פּאָעטן וואָס זײַנען יונג געווען ווען איך בין געווען נאָך ייִנגער, אפילו אויב זיי האָבן מער נישט געלעבט. פֿון די ראָמאַנטיקער איז אַוודאי קיינער מער נישט געווען ביים לעבן — חוץ רילקע, וועלכער האָט צום סוף פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט אין דער שווייץ, און אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט ער דעמאָלט שוין געשריבן זײַנע Neue Gedichte, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז ער איז אַוועק פֿונעם ראָמאַנטיזם. אַנדרע זשיד, פּאָל וועראַלען זײַנען געשטאָרבן בעת אָדער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה,דעסגלייכן, מאַלאַרמע, רעמבאָ און ווערלען. פֿון דעסטוועגן רעד איך גראָד און מייסטנס וועגן די פּראָנצויזן, ווייל איך פֿאַרנעם זיך מיט אַרבעטן איבער פּאָל ווערלען.

דער קוואַל וואָס מיינט פֿאַר מיר מאָדערנע ליטעראַטור הויבט זיך אָן מיט באָדלער, מיט רעמבאָ און ווערלען. איך וואָלט געקאָנט גיין ווייטער, אָבער איך וויל ריידן וועגן די פֿראַנצויזן און דאָס מאָל וועגן פּאָל ווערלען, ווייל עס איז פֿאַראַן אַ באַגריף פֿראַנצויזישער סימבאָליזם. די אויבן דערמאָנטע פּאָעטן האָבן גורם געווען צו אַ גרויסן רענעסאַנס אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ ווידער־געבורט פֿון אַ גאָר גרויסער באַדייטונג מיט נעבן־שטראָמען ווי דער דאַדאַאיזם און דער סורעאַליזם. אָבער דאָס פּאַרזינלעכן

די אידעע איז אַ סימבאָליסטישער אויפטו.

דער אויפקום פון אַ געדאַנק שטויסט דעם פאָעט אים צו געשטאַלטיקן, צו רעאַליזירן וואָס מען האָט געטראַכט, איבערגעלעבט. די איבערלעבונג מוז זיין וויטאַל און שטאַרק און עס איז תמיד דער דמיון וואָס העלפט די איבערלעבונג צו קריסטאַליזירן, איבערצוגעבן דעם איינדרוק דורך אויסדרוק.

איך ווייס אַפילו נישט צי פאַל ווערלען איז געוועזן אַן אָריגינעלער פאָעט. ער האָט אַזויפיל געלערנט פון אַרטור רעמבאָ. בכל אופן ער אַליין האָט דאָס נישט געוווסט. ער האָט אָבער געהאַט די פעיקייט צו קאָמוניקירן זיינע איבערלעבונגען מיט אַ פאָעטישער געזאַנגלעכקייט, וואָס האָט נישט קיין גלייכן. די דראַמע פון זיין פערזענלעכקייט, מיט אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן אים האָט אים אויסגעלייזט דורך זיין געזאַנג. ער האָט געפירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן זיין אייגן בלוט און אַ דאַנק זיינע „תפיסות" און „שפיטעלער" (צוויי ביכער געשריבן אין פראָזע), וואָס האָבן אים נישט דערמעגלעכט זיך אונטערצוגעבן אינגאַנצן דעם שרעקלעכן דעמאָן פון אַבסינט * — האָט ער געשאַפן און אָרגאַניזירט אַן ערך 20 בענדער פאָעזיע און פראָזע, וואָס באַלאַנגען צו די שענסטע קאַפּיטלען פון דער פראַנצויזישער שאַפונג.

אַ פאָעמע דאַרף זיין אַ באַפרייונג. אָבער דאָס גילט נאָר פאַר די (און בשום אופן נישט די אומוויכטיקסטע) וואָס האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף אינספּיראַציע, נאָר האָבן פאַר יעדן פרייז געוואָלט דערלאַנגען — ווי וואַלערי האָט דאָס אָנגערופן — „צום זיץ פון דער געטין". דאָס האָבן זיי אָנגערופן „די אַלכעמיע פונעם וואָרט".

* אַ שאַרפער אַלקאָהאָלישער געטראַנק.

געוויס איז דאָס דערלאַנגען צום אונטערבאַוווסטזיין אַ שווערער נסיון. ווערלען — באַאיינפלוסט דורך רעמבאָ — האָט געפּרוווט אַביסל מיטמאַכן. אָבער גענעצן פון פּאָעטיק, סימבאַליזם, דאָס איז נישט געווען זיין ענין. דער פּראָצעס פון דער אומדעפינירבאַרער פּאָע־טישער אַלכעמיע, Oh, là, là, ווי די פראַנצויזן זאָגן, דאָס איז נישט געווען פאַר אים. פאַר ווערלען איז וויכטיק געווען דאָס מוזיקאַלישע שווייגן... "et le reste est littérature„ האָט ער געזאָגט.

פּאָעזיע איז נישט מאַטעמאַטיק, אָבער פּאָל וואַלערי דערלויבט זיך צו זאָגן: "עדגאַר אַלען פּאָ האָט אונדז געוויזן אַ וועג און געלערנט אַ פאַרפירערישע און שטרענגע דאָקטרין, אין וועלכער אַ מין מאַ־טעמאַטיק פאַראייניקט זיך מיט אַ מין מיסטיציזם..." אפילו באָדלער האָט זיך געמאָטערט צו דערווייזן די מאַטעמאַטיק אין דער פּאָעזיע, אָבער וועגן מיסטיציזם איז ער געגאַנגען צו סוועדענבאָרגן. מאַלאַרמע האָט נאָך געוואָלט איבערשטייגן באָדלערן אין הכנעה צו דעם אַמערי־קאַנער, אָבער צום נאָענטסטן צו עדגאַר אַלען פּאָ, אָן מאַטעמאַטישע חקירות, איז געווען ווערלען. „די ראָבן", „די גלאָקן", „אַנאַבעלאַ לי", "עורעקאַ", האָבן דערלעבט מערערע איבערזעצונגען אין פראַנ־צויזיש. זיכער איז אין זיינע פּאָעמעס געווען אַ געוויסע מוזיקאַליש־קייט און דאָ קומט אַריין ווערלען. ער האָט מיט זיין דעליקאַטן אויער דערהערט עפּעס מיט וואָס פּאָ האָט עקספּערימענטירט, עס האָט אים נישט געשטערט וואָס פּאָ האָט זיך געשפּילט מיט סענטי־מענטאַליטעט אָדער מעלאָדראַמע, אָדער מיט וויסנשאַפט. ווערלען האָט דאָס עקספּערימענטירן איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע.

עס איז אָבער שווער צו שרייבן וועגן פּאָל ווערלען, בפרט אַז מען איז אַ גאַליציש־יידישע טאָכטער און מען האָט נאָך נישט פאַר־געסן פאַנאַנדערצוהאַלטן באַגריפן פון רעכט און אומרעכט, גוט

און בייז, אמת און שקר וכדומה. אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט פּאָעזיע? מיט עטיק און עסטעטיק? אמת, פרידריך שילער האָט אין זיינע „עסטעטישע בריוו״ דווקא יאָ געוואָלט דערווייזן, אַז עס איז פאַראַן אַ שייכות צווישן עטיק און עסטעטיק. שילער האָט געטראַכט אַז מיט דער אויסבילדונג פון גייסט דערגייט מען צו דער אָפּשאַצונג פון העכסטע מאָראַלישע ווערטן און צו לעבן לויט דעם דאָזיקן דערקענען.

באָדלער האָט געמאַכט אַ חילוק צווישן גייסט און נשמה און רעמבאָ האָט געפּרעדיקט אַז די נשמה דאַרף דער פּאָעט אויסבויען. (בריוו צו פּאָל דעמעני).:

„דאָס ערשטע שטודיום פון אַ מענטש וואָס וויל זיין אַ דיכטער איז זיך גרינדלעך צו באַקענען מיט זיך אַליין. ער זוכט זיין נשמה, ער פאָרשט זי אויס, פּרוּווט זי אויס, הערט זיך צו צו איר. און ווען ער דערקענט זי, מוז ער זי אויסבויען. דאָס איז, דאַכט זיך, איינפאַך. אין יעדן געהירן איז פאַרגעקומען אַ נאַטירלעכע אַנטוויקלונג. וויפל עגאָיסטן האַלטן זיך פאַר אויטאָרן! אַנדערע שרייבן זיך אַליין צו זייער אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג — אָבער עס האַנדלט זיך וועגן דעם, צו מאַכן די נשמה מאָנסטרועז! מאָלט אייך אויס צו פלאַנצן וואָרצעלן אין פּנים און זיי אויסצוכאָוועון!.. איך זאָג, מען דאַרף זיין זעעוודיק! זיך מאַכן זעעוודיק. דער פּאָעט מאַכט זיך זעעוודיק דורך אַ לאַנגער, שטאַרקער און אויסגערעכנטער צערודערונג פון אַלע חושים. פון אַלע פאָרמען פון ליבע, פון ליידן, פון משוגעת. ער זוכט זיך אַליין, ער שעפּט אויס אַלע גיפטן, כדי איבערצולאָזן בלויז די קווינטעסענץ״.

„אומדערבאַרעמדיקע פּייניקונג, ביי וועלכער ער נויטיקט זיך אין דער גאַנצער אמונה, אין דער גאַנצער איבערמענטשלעכער קראַפט,

ביי וועלכער ער ווערט קודם כל דער גרויסער פאַרברעכער, דער גרויסער פאַרשאַלטענער און דער העכסטער וויסנדיקער! ווייל ער איז דערגאַנגען צום אומבאַקאַנטן״.

אַט איז אַזאַ מין עליה. ער האָט דאָס געמיינט ערנסט און האָט געפּייניקט זיין יונגן גוף, אַזוי ווי ער האָט זיך דאָס פירגענומען, זייענדיק אַ זון פון דער זון, אויב אפילו נאָר אַ ניצוץ, אַ שטראַל...

„Le monde progresse, pourquoi ne tournerait-il pas ?!״ (די וועלט גייט פאָרויס, פאַרוואָס זאָל זי זיך נישט דרייען ?).

פּאָל ווערלען האָט זיך נישט געשטעלט אַזעלכע קלאָץ־קשיות, ער איז געווען אינגאַנצן נאַטור. ראַפינירט און פאַרפּלאָנטערט, ער האָט געזוכט אויסצופרעסן פון דער נאַטור יעדן ניצוץ וואָס די נאַטור האָט אים געקענט ברענגען, מיט ריינע אָדער אומריינע הענט... ער איז נישט געווען קיין מפונק... זיין עסטעטיק האָט זיך נישט אָפּגע־שיידט פונעם „פּאַרנאַס״, זיין פילאָזאָפיע, — די פילאָזאָפיע פון דער עפּאָכע. ער איז נישט געווען קיין באַנייער, אָבער זיין אינטימער ליריזם איז געווען זיינער, בלויז זיינער. ער איז דערגאַנגען ביז צום דינסטן הויך, כמעט ביז צו תפילה, פון פּאַסיאָנירטסטן באַגער ביז צום העכסטן און ריינסטן פינאַל.

„De la musique, de la musique avant toute chose״ (מוזיק, מוזיק, פאַר אַלץ).

מוזיק פון פרייד, מוזיק פון צער, טאָג־טעגלעך לייד און פרייד ביז צו פילאָזאָפישער איבערלעבונג, וווּ געדאַנק איז נישט מער ווי חלום פון בלוט...

ער וויל נישט דערגיין צו וועלכער נישט איז מאָראַלישער מסקנה. אגב, האָט ער זיין טאַלאַנט אַנטדעקט דורך אַ צופאַל. ער האָט גע־דאַרפט אָנשרייבן אַן עסיי וועגן אַ געוויסן ענין, האָט ער אים געשריבן

אין פערזן. זיין לערער האָט זיך געבייזערט, אָבער אַ מיטשילער — עדמאָן לעפּעלטיע — איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז ער איז געבליבן זיין פריינד און באַוונדערער זיין גאַנץ לעבן. לעפּעלטיע איז געווען אַ מבין און האָט ווערלענעס דערמוטיקט און אַ טייל פון זיינע Romances sans paroles (ראָמאַנסן אָן ווערטער) און Fêtes galantes (גאַלאַנטע יום־טובים) זיינען די פּירות פון לעפּעלטיעס התפּעלות. ער האָט געדאַרפט עמעצן וואָס זאָל אים שטויסן, אפילו קאָמאַנדירן. די „ראָמאַנסן אָן ווערטער" זיינען פול מיט ווערטער, וואָס זינגען...

אָט איז אַ טייל פון איינעם פון די לידער פון דעם לידער־ציקל **ראָמאַנסן אָן ווערטער** (Romances sans paroles):

פאָל ווערלען

פון דעם ליד
BIRDS IN THE NIGHT

דו האָסט געשווווירן, נאָר ס׳איז געווען שקר
און דיין בליק דעמאָלט איז אויך געווען אַ ליגן.
אַ פייער האָט געברענט און אין צאַנקען זיך צעצונדן
און דיין קול האָט געזאָגט „כ׳האָב דיך ליב״.

יאָ! כ׳וועל לײדן, ווייל כ׳האָב דיך ליב געהאַט!
כ׳וועל אָבער לײדן ווי אַ גוטער סאָלדאַט
פאַרוווּנדעט, גוססדיק אין אייביקן שלאָף, מיט ליבשאַפט
פאַר זיין לאַנד וואָס ווייסט נישט פון קיין דאַנק.

נאָך וואָס־זשע זאָל איך נעמען קלאָגן?
האָסט מיך נישט ליב. נישטאָ מער וואָס צו ריידן.
און ווייל כ׳וויל נישט מע זאָל מיך באַדויערן,
וועל איך טיף אין מיין נשמה לײדן.

צומאָל בין איך די אָרעמע שיף וואָס לויפט
מיט צעריסענע מאַסטן אין מיטן דעם שטורעם
און זעט נישט ווי ס׳לייכט NOTRE DAME
דערטרונקען אין תפילה און פלאַם.

די באַציונגען צווישן ווערלען און רעמבאָ

דער אמת איז, אַז פּאָל ווערלען איז געווען אַן אינסטרומענט, אַ כלי. נישט קיין חילוק וואָס ער האָט געזונגען. עס האָט זיך געזונגען נישט לויט דעם אויטאָמאַטיזם פון די סורעאַליסטן.

ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע פעיקייט צו זינגען אַן אַנשטרענג ווי אַ בדחן, ווי אַ זשעסטער, להבדיל. ער האָט למשל ערגעץ־ווו געפונען אַן אַפּגעריסן, אַלט ביכל פון באָדלערן, האָט ער עס אפילו געלייענט און האָט עס אָנגערופן על פי טעות Fleurs du Mai (די בלומען פון מאַי), הגם באָדלער האָט ערנסט און שווער אָנגעזשירט זיין אינטעלעקט כדי אַרויסצוברענגען Fluers du Mal (די בלומען פון בייז).

ווי געזאָגט, איז ווערלען נישט געווען קיין באַנייער. וואָס מען האָט פון אים פאַרלאַנגט, האָט ער געליפערט. ער איז געשטאַנען אונטער פאַרשידענע השפעות. פאַרשטייט זיך, פאַר אַלעמען אונטער דער השפעה פון אַרטור רעמבאָ, ער האָט אָבער אויך געקאָנט אַנדערש. „רעמבאָ האָט אים ריכטיק פערזאָניפיצירט ווען ער האָט אים אָנגערופן La Vierge Folle (די משוגענע יונגפרוי) אין זיין Saison en Enfer (סעזאָן אין גהינום).

פּאָעזיע איז נישט מאַטעמאַטיק. פּאָעזיע איז פאַר אַלעמען געזאַנג. פאַר אַלעמען, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז עס זענען נישט פאַראַן קיין מאָמענטן פון טראַנסצענדענץ, וואָס שטייגט אָפּטמאָל איבער דעם געזאַנג. מאַרסעל רעימאָן זאָגט ריכטיק, אַז ס׳איז פאַראַן

אַן אידעאַלע ליניע וואָס ציט זיך פון פראַנסואַ וויאָן ביז צו אַפּאָלי־נער, זשיל סיפּערוויל, און אפילו ביז צו גאַרסיאַ לאָרקאַ, וואָס איז געווען אַ שפּאַניער.

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס עדגאַר פּאָ האָט געפּרוווט זיינע „ראָבן" מאַטעמאַטיש צו אַנאַליזירן, איז פּאָעזיע, ווי שוין דערמאָנט, נישט קיין מאַטעמאַטיק, נישט קיין געאָמעטריע. אָבער פּאָל ווערלען מיינט, אַז מען מוז אַרויסגעפינען די ענלעכקייט, די אַפיניטעט, די קרובהשאַפט צווישן געדאַנק און מוזיק, און נישט אימיטירן די נאַטור, נאָר זי אַסימילירן, זי פאַרקערפּערן אין זיך.

און דאָס איז דווקא דער וווּנדער ביי ווערלען. ער האָט דעם דאָזיקן פּראָצעס נישט געדאַרפט דורמאַכן. ער איז געווען נאַטור. ער איז, ווי שוין אויבן דערמאָנט, געווען דאָס וואָס ער האָט פאַרמאָגט, ער האָט פאַרקערפּערט אין זיך אַלע טעאָריעס פון די אַנאַליטיקער.

***

פּאָל־מאַרי ווערלען איז געבוירן געוואָרן אין מעץ דעם 30־סטן מערץ אין יאָר 1844. אויף דעם הויז פון זיין געבורט הענגט איצט אַ געדענק־טאָוול צו פאַראייביקן די דאַטע פון דער דאָזיקער וויכטיקער געשעעניש.

דאָס הויז געפינט זיך אין פּאַטריציער־קוואַרטאַל פון מעץ, נישט ווייט פון דער ראַזער קאַטעדראַלע, אַרומגענומען מיט הויכע פּאַפּלעס, אויף rue Haute Pierre נומער 2, וואָס אזוי אין יאָר 1848, בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע, אָנגערופן געוואָרן Hochsteinstrasse און איצט הייסט די גאַס ווידער rue Haute Pierre.

ווערלען איז געווען שטאָלץ מיט זיין געבורטשטאָט, אָבער דער פאַקט וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אין לאָטרינגען האָט משמעות נישט איבערגעלאָזט קיין ירושה־צייכן אויף זיין כאַראַקטער. כדי צו

געפינען אַזעלכע שפורן מוז מען זוכן אין די אַרדענען, אויף דער פראַנצויזיש־בעלגישער גרענעץ. זיין זיידע איז געווען אַ נאָטאַר אין אַ קליין שטעטל און זיין פאָטער, געבוירן אין יאָר 1798, האָט זיך לכתחילה פאַרנומען מיטן זעלבן פאַך. אָבער מיט דער גרויסער נאַפּאָלעאָנישער כוואַליע איז אויך ווערלענס פאָטער מיטגענומען געוואָרן און ער האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן 1815—1814. ער איז אַהיימגעקומען פון דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענברוך און האָט גע־פונען זיין אַלטע היים, דעם אַלטן דעפּאַרטאַמענט „די וועלדער". דער דאָזיקער דעפּאַרטאַמענט וואָס איז פריער צוגעטיילט געוואָרן צו האָלאַנד און שפּעטער צו בעלגיע, קערט זיך אום צו פראַנקרייך און ווערלענס פאָטער איז געצוווּנגען צו אָפּטירן כדי צו באַקומען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט. אויף דעם אופן זענען ווערלענס פאָטער און ער אַליין פראַנצויזן בלויז דורך דעם אָפּטירן. פון די פּשוטע רייען האָט זיין פאָטער דערלאַנגט צו דער מדרגה פון אַ קאַפּיטאַן אין דער „גרויסער אַרמיי" (La Grande Armée) אין מעץ. ער האָט געהערט צו דער צווייטער אָפּטיילונג פון די אינזשיניערן און דאָ, אין מעץ, האָט פּאָל ווערלען דערזען דאָס ליכט פון דער וועלט.

דער שפּעט געבוירענער ווערט צעלאָזן פון די ייִנגסטע יאָרן אָן. זיין פאָטער פלעגט אים באַזוכן אין שולע און האָט יעדן טאָג מיט־געבראַכט נאַשערייען פאַרן בן־יחיד. זיין מוטער איז, ווי מען זאָגט עס, געווען „מער מענטש", זי איז געווען אימפּולסיוו, געאָרדנט, צו־געבונדן צום הויז. אויב זי וואָלט געהאַט אַביסל צוריקהאַלטונג, וואָלט דאָס געווען פאַר איר און פאַר איר זון, פּאָל ווערלען, אַ סך געזינטער. מיר וועלן שפּעטער זען צו וואָס פאַראַ דעגראַדאַציע זי איז אין די שפּעטערע יאָרן דערגאַנגען. צערטלעכקייט פוןביידע זייטן, נאָר אָן דרך ארץ. זי האָט דערפאַר טייער באַצאָלט.

פאָל ווערלען

ווערלען און רעמבאָ אין לאָנדאָן
צייכענונג פון פ. רעגאַמע

פּאָל ווערלען

איינער פון ווערלענס פריינד איז געווען אַ יונגער מוזיקער מיטן נאָמען שאַרל די סיוורי, אַ שטיף־ברודער פון מאַטילד מאָטע דע פלערוויל. זי איז געווען אַ קינד פון 16 יאָר און שאַרל פלעגט איר אַלעמאָל דערציילן וועגן פּאָל ווערלען, דעם גרויסן דיכטער.

זאָל דאָ אגב געזאָגט ווערן, אַז אָט דער גרויסער דיכטער, וועלכער האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער לידער: Poèmes saturniens (סאַטורנישע פּאָעמעס) — אין יאָר 1866 — און Fêtes galantes (גאַלאַנטע יום טובים) — אין יאָר 1869 — איז נישט געווען שטאַרק באַקאַנט ביים עולם לייענערס, נישט געקוקט אויף דעם וויכטיקן פּאָעטישן ווערט פון ביידע ווערק. זיין פריינד, דער יונגער מוזיקער האָט דוקא יאָ שטאַרק אָפּגעשאַצט זיין פּאָעזיע.

אָט איז אַ ליד פון לידער־ציקל **גאַלאַנטע יום־טובים** (Fêtes galantes):

אויפֿן שפּאַציר
A LA PROMENADE

דער הימל אַזוי בלאַס, דיביימער אַזוי מאָגער,
זיי שמייכלען, וואָלט מען קענען זאָגן,
צו אונדזערע קאָסטיומען וועלכע שוועבן לייכט
אַזוי ווי פֿליגלען וואָלטן זיי געטראָגן.

אַ לייכטער ווינט צעקנייטשט דעם שפּיגל פֿון באַסיין.
דער שיין פֿון דער זון געמילדערט דורכן שאָטן
פֿון די לינדנביימער אין דער אַלעע
גייט אויס אין טונקל־בלויע טיפֿע נאָטן.

צערטלעכע באַטריגער, קאָקעטע און שאַרמאַנטע
וואָס שווערן, נאָר די שבֿועה איז אַ ליגן,
אין געפֿלווידער לענגאויס די אַלעע
רייצן זיך פֿאַרשפּילט ווי פֿאַרליבטע ציגן.

און ס׳קען אַ האַנט אַ צערטלעכע
אַמאָל אַ פּאַטש דערלאַנגען,
זי וועט דערפֿאַר אויף פֿינגערשפּיץ
אַ קוש אַ הייסן פֿאַנגען.

צו הייס איז דער פֿאַרלאַנג...
מ׳ווערט געשטראָפֿט מיט קאַלטן בליק.
נאָר ליפּן פֿולע, ליבלעכע,
זיי בליען רויט פֿון גליק.

איין מאָל — געווען איז עס אין חודש יוני 1869 — ווען ווערלען האָט זיך געפונען ביי שאַרל דע סיוורי און געווען מיט אים פאַרטיפט אין אַ שמועס, האָט מאַטילד אַנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט זיך געוואָלט צוריקציִען, אָבער דער שטיף־ברודער האָט באַשטאַנען דערויף זיי ביידן באַקאַנט צו מאַכן. ווערלען מיטן מיאוסן פּנים און אָפּשטויסנ־דיקן קערפּער־געשטעל, האָט, נישט געקוקט אויף זיין צעלאָזענעם לעבן, ווו ס'האָט נישט געפעלט נישט קיין שכרות און נישט קיין אויסגעלאַסנקייט, דאָך פאַרמאָגט אַן איידעלע נשמה, וועלכע האָט געלעכצט נאָך אמתער און ריינער ליבע. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך, דערזעענדיק דאָס יונגע שיינע מיידל, תיכף אָנגעצונדן. דאָס מיידל האָט אים געענטפערט מיט ליבע. אָבער די עלטערן אירע זענען פון דעם שידוך כלל נישט באַגייסטערט געוואָרן.

די מאַטעס האָבן אַוועקגעשיקט די טאָכטער און בלויז דער־לויבט די יונגע לייט זאָלן זיך דערווייל איבערשרייבן און דע סיוורי האָט זיי דערביי געהאָלפן. צום סוף זיינען די עלטערן איינגעגאַנגען דערויף זיי זאָלן חתונה האָבן.

די חתונה האָט געדאַרפט פאַרקומען אין יאָר 1870, אָבער מאַטילד איז קראַנק געוואָרן אויף פּאָקן און קוים צו זיך געקומען. דאַן באַקומט איר מוטער דיזעלבע קראַנקייט. דעריבער ווערט די דאַטע פון דער חתונה אָפּגעלייגט אויפן חודש אויגוסט. אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט זיך די השגחה אַריינגעמישט און צונישט געמאַכט ווערלענס האָפענונג. פון דער העלער הויט—און אפשר נישט פון דער העלער הויט—שטייט פראַנקרייך אין יאָר 1870 אין קריג מיט דייטשלאַנד.

די מלחמה צווישן פראַנקרייך און פּרייסן ברעכט אויס דעם 10־טן יולי 1870. עפּעס מער ווי דריי וואָכן שפּעטער — דעם 11־טן אויגוסט — קומט פאָר די חתונה פון ווערלענען מיט מאַטילד מאַטע

דע פלערוויל. דעם 2־טן סעפּטעמבער קאַפּיטולירט נאַפּאָלעאָן דער דריטער ביי סעדאַן און דעם 4־טן סעפּטעמבער ווערט אין פּאַריזער האָטעל דע וויל (מאַגיסטראַט) פּראָקלאַמירט די רעפּובליק. פּאַריז ווערט באַלאַגערט דורך די פּרייסישע חילות. ווערלען אַנגאַזשירט זיך ווי אַ פרייוויליקער אין דער נאַציאָנאַלער וואַך. ער גייט צוריק צו זיין אַלטער געוווינהייט — ער נעמט זיך פון דאָס ניי צום טרינקען און הויבט אויך אָן צו ברוטאַליזירן זיין יונגע פרוי. אָנהויב יאַנואַר 1871 הויבט זיך אָן דאָס באָמבאַרדירן פון פּאַריז און סוף יאַנואַר ווערט געשלאָסן דער וואַפנשטילשטאַנד מיט די דייטשן. פּאַריז קאַפּיטולירט. אָבער דעם 18־טן מערץ ווערט פּראָקלאַמירט די פּאַריזער קאָמונע. ווערלען, וועלכער איז שוין זינט עטלעכע יאָר פונקציאָנאַר אין פּאַריזער מאַגיסטראַט, ווערט דער אָנפירער פונעם פּרעסע־ביוראָ פון דער קאָמונע. ס׳ברעכט אויס אַ בירגער קריג. אין מאַי ווערט די קאָמונע דערשטיקט אויף אַן אַכזריותדיקן אופן דורך דעם רעגירונג־מיליטער פון טיער. נאָך דער בלוטיקער רעפּרעסיע פּאַרלירט ווערלען זיין שטעלע אין מאַגיסטראַט — מ׳האַלט אים פאַר אַ סימפּאַטיקער פון דער קאָמונע.

דערוויל איז ווערלען, אונטער דער השפּעה פון דער ליבע און פון דער האָפענונג אָנצוהויבן צו פירן אַ געאָרדנט פאַמיליע־לעבן, געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער באַשליסט זיך צו דערווייטערן פון זיין פאַרדאָרבענעם וועג, אויסצומעקן פון זיין געוויסן זיין שמוציקע פאַרגאַנגענהייט און גיט זיך אַ נדר אַז ער וועט שוין איצט „גיין אין דרך הישר מיט צניעות, צום לעבן״. און דאַן האָט ער אָנגעהויבן שיקן צו מאַטילד מאָטע, וועלכע געפינט זיך אין דער נאָרמאַנדיע, די לידער וואָס וועלן שפּעטער אַריינגיין אין דער זאַמלונג Bonne chanson (דאָס גוטע ליד). דאָס זענען 21 לידער וואָס זאָגן עדות

אויף אַ ליבנדיק האַרץ, פול מיט צניעותדיקער ליריק. אָבער דאָס דאָזיקע בוך, ווען עס וועט דערשיינען, וועט האָבן דעם זעלבן גורל ווי זיינע פריערדיקע ביכער לידער. עס וועט נישט אַרויסרופן קיין גרויסן אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַרישער וועלט, אפשר אויך צוליב דער מלחמה, וועלכע גייט דערווייל אָן. אגב דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין די דאָזיקע לידער דערווייטערט זיך ווערלען שטאַרק פון די פּאָעטישע שיטות פונעם „פּאַרנאַס״, כאָטש ער האַלט זיך אַליין ווי אַזאַ וואָס געהערט צו דער דאָזיקער ליטעראַרישער ריכטונג.

וועגן דער דאָזיקער תקופה אין ווערלענס לעבן איז פאַראַן אַ סך צו דערציילן, עס איז אָבער אפשר נישט כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף זייטן־ליכטער און זייטן־שפּרונגען פון אונדזער העלד, ווייל מיר דערנענטערן זיך צו ווערלענס גורלדיקער באַגעגעניש, וואָס הייסט — אַרטור רעמבאָ.

רעמבאָ, וועלכער איז היינט געוואָרן אַ מיטישע פיגור, איז קיין מאָל נישט געגאַנגען אין קיין גלייכע וועגן, בכל אופן נישט אין קיין קאָנווענציאָנעלע. אמת, ער האָט צוגעשיקט פּאָעמעס צו טעאָדאָר דע באַנוויל און אַנדערע, דעם אמתן אָפּקלאַנג האָט ער אָבער גע־פונען ביי פּאָל ווערלען, וואָס האָט נאָכן איבערלייענען אייניקע פון רעמבאָס פּאָעמעס, אים ספּאָנטאַן געענטפערט: ״קומט, טייערע, גרויסע נשמה, מען וואַרט אויף אייך...״

מיר וועלן זיך דאָס מאָל נישט אָפּשטעלן אויף רעמבאָס וואַנדע־רונגען און וואָגלעניש כדי צו דערגיין קיין פּאַריז. מיר האָבן דאָס געטאָן אין בוך וועגן אַרטור רעמבאָ.

אָבער דאָס מאָל, ווי מיר זעען, איז רעמבאָ טאַקע אָנגעקומען קיין פּאַריז. געווען איז עס אין סעפּטעמבער 1871.

דאָס צוזאַמענלעבן פון ווערלענען מיט זיין יונגער שוואַנגערער

פרוי איז נישט געווען קיין אידיליע. מיטן אָנקומען פון דעם „געטלעכן ממזר" האָט זיך אין דער משפחה מאַטע דע פלערוויל די האַרמאָניע נישט פאַרבעסערט...

ווערלען און דער סקולפּטאָר שאַרל קראָס גייען אָפּוואַרטן רעמבאָ ביי דער באַן. זיי האָבן זיך אָבער אויסגעמיטן, וויל „די טייערע גרויסע נשמה" האָט אויסגעזען ווי אַ פּשוטער פּויערויונג. די דאַמען אין הויז מאַטע דע פלערוויל האָבן דערוואַרט אַ מין אַלפרעד דע מיסע, שאַטאָבריאַן, אַלפרעד דע וויני און אַנדערע פון דעם סאָרט. אַנשטאָט דעם דערשיינט אַן אומגעלומפּערטער פּויערויונג מיט רויטע, גרויסע הענט, לאַנגע, פאַרנאַכלעסיקטע האָר און אין אַן אָנצוג וואָס רעמבאָס מוטער האָט אויפגעניית מיט אירע אייגענע הענט, אַ ביסל צו קורץ און אַ ביסל צו ענג. ער וואַקסט — ער איז נאָך נישט אַלט קיין זיבעצן יאָר. און ער קלאָגט זיך פאַרן אָוועקפאָרן פאַר זיין פריינד פּאָל דעמעני: "ווי וועל איך זיך דאָרט האַלטן אין דער פּאַריזער געזעלשאַפט ?"

אָבער אַפילו ווערלען און שאַרל קראָס זיינען געווען איבערראַשט.

אין הויז פון די מאַטעס פירט ער זיך אויף אויף אַ גראָטעסקן אופן. ער פילט זיך אומזיכער און פאַרדעקט דאָס מיט חוצפּה. דער אומגעבעטענער גאַסט נעמט באַלד אַראָפּ פון די ווענט די בילדער וואָס געפעלן אים נישט; ער באַגייט אויך אַנדערע אינדיסקרעציעס און דאָס ערגסטע איז וואָס ער מאַכט חוזק פון דער קליינבירגערלעכער אַטמאָספער אין וועלכער ווערלען לעבט. די האַלטונג פון די דאַמען מאַטע ווערט אַלץ גערייצטער, הגם ווערלען פאַרזיכערט, אַז רעמבאָ איז א געניאַלער פּאָעט. שאַרל קראָס פּרוווט אים אַריינציען אין אַ ליטעראַרישן שמועס, אָבער עס האָט זיך נישט איינגעגעבן. ווערלען האָט, פאַרשטייט זיך, געזען דאָס אומגעפלעגטע אויסזען פון אַ זשוליק,

אָבער אויך די צוויי ברענענדיקע בלויע אויגן, די זינלעכע פולע ליפּן, אַ ראָזע הויט, געברוינט אַביסל פון ווינט און וועטער. קיין געפּעק האָט ער נישט געהאַט, משמעות אפילו נישט קיין ציינבערשטל.

ווערלען איז אָבער נישט מסכים געווען מיט די דאַמען מאָטע. ער האָט זייער התנהגות געהאַלטן פאַר אַ פּאַראורטייל און רעמבאָ האָט זיך געפילט פּונקט אַזוי אומבאַקוועם ווי זיינע גאַסטגעבערס. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער גהינום אויף דער וועלט, וואָס האָט גורם געווען פאַר רעמבאָ זיין לעצטע ליטעראַרישע שאַפונג.

עס איז אפשר נישט כדאי צו דערמאָנען די דריטע פון די עשׂר מכות וואָס דער פאַרעיפּושטער רעמבאָ האָט איבערגעלאָזט אויף דעם געפלעגטן בעט פון די מאָטעס. די דערשראָקענע מאַטילד, וואָס האָט דערזען אינסעקטן אויפן קישן, ווערט פון דער מוטער אויפגעקלערט, אַז דאָס זיינען לייז.

פון דעסטוועגן איז רעמבאָ נישט אין גאַנצן געווען שולדיק אין צעבראָכענעם משפחה־לעבן פון דעם פאַרפאַלק פּאָל ווערלען און מאַטילד מאָטע. ווערלען האָט אָנגעהויבן טרינקען און בעיקר אַבסינט. ער פלעגט אָפט קומען אַהיים טויט שיכור און האָט זיך אין דעם צושטאַנד געוואָרפן מיט די שטיוול אויפן בעט צו זיין יונגער שוואַנגערער פרוי און האָט זי אָפט מאָל אויך געשלאָגן.

רעמבאָ איז אַנטלאָפן. וואָכנלאַנג האָט ווערלען, וואָס האָט זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין קומען קיין פּאַריז, אים אַרומגעזוכט און נישט באַוויזן אים צו געפינען, ביז איין מאָל האָט ער אים על פּי צופאַל באַגעגנט אויף דער גאַס. ער איז דערשיטערט געוואָרן. אַוועק דאָס געברוינטע ראָזע פון די באַקן, דער גלאַנץ פון די אויגן. יעדער פּרווו צו פאַרדינען צו לעבן האָט זיך נישט איינגעגעבן. ווערלען האָט אים באַלד גענומען אין אַ „ביסטראָ״ אויף אַ מאָלצייט.

ווערלען האָט נישט גערוט. ער האָט גערופן שאַרל קראָס, אַנדרע גיל און אויפגערודערט טעאָדאָר דע באַנוויל, וואָס האָט זיך דערמאָנט אין דעם בריוו וועלכן רעמבאָ האָט אים בשעתו געשריבן. מען האָט געדונגען אַ דאַכשטיבל אין דעמזעלבן הויז ווו דע באַנוויל האָט געוווינט. דער תכשיט, דערזעענדיק דאָס ריינע בעט, האָט אויסגעטאָן די פאַרלייזטע בגדים און נאַקעטערהייט זיי אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער. דאָס איז די שכנים נישט געפעלן געוואָרן...

ווען די פרויען אין דע באַנווילס הויז האָבן געפּרוווט רייניקן זיין קאָפּ, האָט ער זיי געדאַנקט מיט דער שיינער פּאָעמע „די לייז־זוכערס".

דער דאָזיקער גן־עדן האָט זיך אויך באַלד אויסגעלאָזט און רעמבאָ האָט אָנגעהויבן נעכטיקן אין פאַרשידענע אַטעליעס, ווו מען האָט אים אַריינגעלאָזט אויף אַ נאַכט. ווען דעמעני האָט דערזען זיין פריינד פון די קינדעריאָרן, אַ באָסיאַק, פאַרוואָרלאָזט, געוואַקסן אין דער לענג און מוראדיק, איז ער אויך דערשראָקן געוואָרן.

ווידער איז ווערלען געקומען רעמבאָ צו הילף און האָט אים געדונגען אַ צימער אויף בולוואַר מאָנפּאַרנאַס. דאָס איז געווען אין יאָר 1872. רעמבאָ האָט דאָרט געוווינט און דאָרט געפּראַוועט אָרגיעס מיט ווערלענען. ער באַשרייבט „דאָס צימער פול מיט שמוציקן ליכט און רעש פון שפינען". אין מערץ 1872 קלויבט ער זיך ווידער אַהיים קיין שאַרלוויל. ער קומט צוריק אין מאַי קיין פּאַריז און לעבט אין האָטעל דע קליני נאָענט צו דער סאָרבאָן ביז יולי, ווען ער לאָזט זיך אַרויס צוזאַמען מיט ווערלענען אויף אַ נסיעה קיין בריסל. דאָס איז געווען דאָס ערשטע אַנטלויפן זיינס. אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי דאָס איז געשען. ווערלען איז יענעם טאָג געגאַנגען קויפן אַ רפואה פאַר זיין קראַנקער פרוי, באַגעגנט ער רעמבאָ אין גאַס און ביידע באַשליסן

תיכף צו אַנטלויפן פון פּאַריז. אויפן וועג אײנסצעניזירן זיי נאָך אַ סקאַנדאַל אויף דער פּראָווינץ און ווערן עסקאָרטירט צוריק קיין פּאַריז. דאָ שפּרינגען זיי אַריין אין אַן אַנדערן צוג וואָס ברענגט זיי באמת צו דער בעלגישער גרענעץ. אין בעלגיע האָבן זיי געוואַנדערט דורך שטעט און שטעטלעך, באַזוכט קירכעס, קלויסטערס, מוזייען. זיי האָבן אַ סך געלערנט, געזען און געזינדיקט.ביידע שילדערן זיי זייערע איבערלעבונגען אין זייערע ווערק. ווערלען האָט, פֿאַרשטייט זיך, אַלץ אָפּגעלייקנט, געטענהעט, אַז ער וויל צוריקגיין צו זיין פרוי.

אין זיין בוך (Parallèlement) Laeti et Errabundi רעדט ער אָן שום צוריקהאַלטונג וועגן זיין ליבע צו ביידע. ער דערציילט וועגן זיינע וואַנדערונגען, דער פרייהייט פון „לויפנדיקע שיפן", אין היפוך צו דער היים וואָס דריקט, וואָס באַשווערט. „מיר זיינען געגאַנגען" — דערמאָנט ער זיך — „וווהין איז אַלץ אַהינגעקומען? מיר האָבן געוואַנדערט לייכט אין סובטעלער לופט, טייוולס צוויי, וואָלט מען געקענט גלויבן. אויף שענדלעכע הוליאַנקעס האָבן מיר געטרונקען די בעסטע ווינען פון פראַנקרייך ביז צו דעם וווּלגאַרן Stout (אַ דייטש שוואַרץ ביר)."

„פּייזאַזשן, שטעט, האָבן זיך אַנטדעקט פאַר אונדזערע אויגן, מיר זענען קיין מאָל נישט מיד געווען. אין אונדזער שיינער נייגיריקייט וואָלטן מיר דעם גאַנצן ערדקיילעך אויסגעזויגן".

טייכן, בערג בראָנזן און מאַרמאָר
אין ענגלאַנד, די מוטער פון ביימער,
אין גאָלדענער שקיעת־החמה,
און בעלגיע די טאָכטער פון טורעמס...

דער ראָמאַן פונעם לעבן פון צוויי מענער, „אַ מוסטער־פאַרפאַלק וואָס פאַרשווענדט אוצרות געפילן, שטאַרקע און געטרייע". אַזוי דער־

ציילט פּאָל ווערלען אָן צוריקהאַלטונג וועגן סצענעס וואָס האָבן זיך געענדיקט אין פרייד און אין עסן קאַרטאָפל. „מיר האָבן איבערגעלאָזט אָן דאגות דעם גאַנצן קראַם פון פּאַריז, עטלעכע נאַראָנים און אויך אַ מויז־פּרינצעסין, אַ נאַרישע, וואָס איז געוואָרן אַלץ ערגער״ (פון Laeti et Errabundi). דאָס איז אַ רמז אויף זיין פרוי מאַטילד.

ווי שוין פריער דערמאָנט, אַנטדעקט ווערלען גאַנץ אָפנהאַרציק אין זיין בוך Parallèlement (פּאַראַלעל) ווי שטאַרק עס ציט אים גלייכציייטיק אי צו רעמבאָ און צו זיין פרוי מאַטילד. ער וואָלט כלומרשט שטאַרק געוואָלט לעבן אַן אָנשטענדיק פאַמיליע־לעבן. דאָס זענען געווען לעכצונגען פון וועלכע ער האָט נישט געקענט זיך באַפרייען כאָטש ער איז גאָר טיף געווען אַריינגעזונקען אין תהום פון זינד.

ווען ווערלען האָט זיך דערוווסט, אַז מאַטילד נעמט אונטער שריט כדי זיך צו גטן, ווערט ער שרעקלעך אין כעס און באָמבאַרדירט לעפּעלטיע מיט בריוו און דראָונגען. ער וועט קומען קיין פּאַריז — דראָט ער — להרוג ולאבד. די אַדוואָקאָטן וועט ער צעברעכן די ביינער וכדומה... און אפשר, זאָגט ער, איז בעסער צו לאָזן אַלץ ווי עס גייט? וואָס טראַכט ער, לעפּעלטיע? רעמבאָ און ווערלען באַזעצן זיך דערווייל אין לאָנדאָן, האָלאַנד סטריט 34.

מיט זיין געוויינטלעכער ענערגיע נעמט זיך רעמבאָ לערנען ענגליש און זוכט באַציונגען צו סוחרים כדי מ׳זאָל אים אפשר שיקן אויף אַ מיסיע אין ווייטן מזרח. ווערלען לערנט אויך ענגליש אוןביידע שרייבן פּאָעזיע.

רעמבאָ שרייבט זיינע פּראָזע־פּאָעמעס Illuminations „דערלויכ־טונגען״, וואָס זיינען נישט לייכט צו פאַרשטיין, סיידן מען דערקענט דעם גאַנצן מענטשן.

אין די סאַלאָנען וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע און האָבן געדינט ווי אַ פּלאַטפאָרמע פאַר די יונגע וואָס האָבן געשטרעבט צו עפּעס נייעס און האָבן אַליין נאָך נישט געוווּסט צו וואָס..., אין די דאָזיקע סאַלאָנען איז ווערלען געווען בשעתו אַ חשובער גאַסט.

„ווי בלוי איז געווען דער הימל, ווי גרויס די האָפענונג", רופט ווערלען אויס מיט נאָסטאַלגיע אַן ערך צוואַנציק יאָר שפּעטער. אויפן בלויען הימל האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אַ כמאַרע.

ווי געזאָגט, האָט ער אָנגעהויבן טרינקען, אַ סך טרינקען, בעיקר אַבסינט. אָבער ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט מאַטילד מאָטע, האָט זי אים אַ יאָר צייט דערפון אָפּגעהאַלטן. בלויז איין יאָר. שפּעטער איז, ווי געזאָגט, געקומען די ירידה.

***

ווערלען הויבט אָן זיך צוגעוווינען צום געדאַנק פון אַ לעגאַלער שיידונג — און דאָך האָט מאַטילדעס ווידערשטאַנד אים נישט ווייניק פאַרדראָסן.

דאָס לעבן מיט רעמבאָ איז אויך נישט געווען אַזוי לייכט. נאָך אַ סצענע צווישן ביידע פריינד איז ווערלען אַנטלאָפן קיין אַנטווערפּן און פון דאָרט קיין בריסל.

די סצענע צווישן ווערלען און רעמבאָ אין לאָנדאָן איז פאָרגעקומען דעם 3־טן יולי 1873. אויף מאָרגן איז ווערלען שוין געווען אין בריסל. אויף דער שיף האָט ער נאָך באַוויזן אָנצושרייבן אַ בריוו צו אַרטורן (רעמבאָ):

„מיין פריינד,

„איך ווייס נישט צי דו וועסט נאָך זיין אין לאָנדאָן ווען די דאָזיקע שורות וועלן דיך דערגרייכן. איך האַלט פון דעסטוועגן, אַז איך דאַרף דיר זאָגן, אַז, אין תוך גענומען, דאַרפסטו פאַרשטיין, אַז

איך האָב אַבסאָלוט געמוזט אַוועקפאָרן, אַז דאָס דאָזיקע לעבן פול מיט געוואַלטיקע סצענעס אָן אַ שום מאָטיוו, פאַרורזאַכט בלויז דורך דיין פאַנטאַזיע, איז פאַר מיר נישט געווען מער איבערצו־טראָגן.

„נאָר ווייל איך האָב דיך שרעקלעך ליב געהאַט (Honni soit qui mal y pense! זאָל דער זיך שעמען ווער ס'דענקט וועגן דעם שלעכט!), וויל איך דיר אויך באַשטעטיקן, אַז אויב פון אַצינד אין דריי טעג אַרום וועל איך זיך נישט צונויפקומען צוריק מיט מיין פרוי אין פולקאָמענע באַדינגונגען, וועל איך זיך דערשיסן. דריי טעג אין האָטעל, אַ "rivolvita" — דאָס קאָסט טייער; פון דאַנען נעמט זיך מיין קמצנות פון נישט לאַנג. דו וואָלסט מיר געדאַרפט מוחל זיין".

רעמבאַ איז פאַרבליבן אָן אַ גראָשן אין לאָנדאָן און האָט זיך דערווייל פאַרנומען מיט אויספאַרקויפן ווערלענס קליידער. דער לעצ־טער האָט געסטראָשעט זיין פרוי, אַז ער וועט באַגיין זעלבסטמאָרד, אויב זי וועט צו אים נישט צוריקקומען און האָט צו דעם צוועק געקויפט אַ רעוואָלווער אין בריסל, ווו ער האָט געטראָפן זיין מוטער, אָבער נישט מאָטילדען. ער האָט פאַרבראַכט די נאַכט אין אַרגיעס און אין טרינקען. צומאָרגנס איז געקומען די רעאַקציע און ער האָט געשריבן צו רעמבאָ ער זאָל קומען. דעם 10־טן יולי איז רעמבאָ אָנגעקומען, ער איז געקומען ווייל ווערלען האָט אים גערופן. ער איז אָבער געקומען זיך געזעגענען און קריגן געלט אויף הוצאות. עס איז אַלץ פאַרענדיקט, פילט ער, און ער מאָנט עקשנותדיק געלט, בעת ווערלען קוקט אויף זיין פאַרטנער וואָס האָט געבראַכט אויף אים אַזוי פיל אומגליק. ווערלען בעט זיך ביים יונגן פויער. געוויס וועט ער קריגן געלט, — זאָגט ער — אָבער זאָלן זיי זיך לכל הפחות צעשיידן ווי פריינד. מיט

בלויז איין יאָר צוריק זיינען זיי ביידע געווען אין זיבעטן הימל, פאַרוואָס קענען זיי זיך איצט נישט דורכריידן בשלום וועגן דעם גאַנצן ענין?

זיי קערן זיך צוריק אין האָטעל און ווערלען הויבט ווידער אָן אייינטענהען מיט אים. רעמבאָ שטייט ביי דער טיר און מאָנט געלט. און פּלוצעם ציט ווערלען אַרויס זיין רעוואָלווער און שיסט אויס צוויי מאָל. ער טרעפט רעמבאָ און לינקן אָרעם. ער פאַלט באַלד אַריין אין אַ פּאַראָקסיזם פון חרטה, פאַלט זיין קרבן צו די פיס. די מוטער פּרוווט פאַרבאַנדאַזשירן די בלוטנדיקע האַנט. זי שטופּט רעמבאָ אַריין געלט אין קעשענע און בעט אים ער זאָל גיין. ווערלען באַשטייט דערויף אים צו באַגלייטן צו דער באַן. אויפן וועג צעפלאַמט זיך ווידער דער ויכוח און ווען ווערלען לייגט אַריין די האַנט אין קעשענע מיטן געלאָדענעם רעוואָלווער, דערזעט רעמבאָ צוויי זשאַנדאַרמען. בעת ווערלען פּאַכעט מיטן רעוואָלווער, ווערן זיי ביידע אַרעסטירט.

אַזוי פאַרענדיקט זיך דער „סעזאָן אין גהינום" פאַר רעמבאָ. אָבער נאָך לאַנג נישט פאַר ווערלענען. ער ווערט אַרעסטירט און ווערט באַהאַנדלט ווי אַ געוויינלעכער פאַרברעכער. נאָר אַ דאַנק אַ בריוול פון וויקטאָר הוגאָ און די באַמיונגען פון זיין מוטער ווערן לויזער די קייטן אין דער תפיסה. ער באַקומט אַ באַזונדער צימער. עס ווערט אים דערלויבט אַ האַלבע שעה צו גיין שפּאַצירן אַליין אין הויף און מיר ווילן זען, אַז אַפילו די אַרעסטאַנטן־דיסציפּלין האָט געהאָלפן צו ווערלענס שאַפערישן דראַנג. אויך די תפיסה איז אַן אָביעקט צו זינגען אָדער צו וויינען...

הגם רעמבאָ האָט געפּרוווט רעדוצירן דעם גאַנצן ענין צו אַ נאַרישן ויכוח, האָט זיך אָבער די בריסעלער פּאָליציי אַרויסגעוויזן שטרענג, ספּעציעל נאָך דעם עדות־זאָגן פון ווערלענס שווער, אַז

זיין איידעם האָט עפּעס געהאַט צו טאָן מיט דער קאָמונע. הקיצור, פּאָל ווערלען איז באַשטראָפט געוואָרן מיט צוויי און אַ האַלב יאָר תפיסה אין איינצלאַרעסט און 200 פראַנק שטראָף מזומן. ער ווערט אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן פון שרעק און פון שטוינען. פון דער תפיסה אין בריסל ווערט ער אַריבערגעפירט אין אַן אַנדערער, קיין מאָנס.

אַרעסטירט געוואָרן איז ווערלען פאַר זיין רעוואָלווער־שאָס אויף רעמבאָ דעם 10־טן יולי 1873.

פאַר דער צייט פון זיין זיצן אין תפיסה אין בעלגיע דערשיינען אין פראַנקרייך זיינע Romances sans Paroles (ראָמאַנסן אָן ווער־טער). דעם 24־טן אַפּריל באַשליסט דאָס געריכט פון דער סען ד. ה. פון פּאַריז די שיידונג (נאָך נישט דעם ענדגילטיקן גט) צווישן ווער־לענען און זיין פרוי מאַטילד, איבערגעבנדיק דער לעצטער די אויפ־זיכט איבער זייער קינד.

ווערלען פאַרבלייבט אין תפיסה קוים 18 חדשים, ביזן 16־טן יאַנואַר 1875.

ער קלאָגט זיך, זיצנדיק הינטער די אייזערנע קראַטעס פון דער תפיסה אין מאָנס. ער האָט אויף זיך אַליין רחמנות און דער רחמנות ווערט געזאַנג.

אין תפיסה איז אויך דאָ צייט חרטה צו האָבן און ער דאַרף האָבן אַן אָנשפּאַר, אַ שטיצע. ווו קען ער זי געפינען, אויב נישט אין דער אמונה, אין דער קאַטוילישער מחנה? אַזוי זעען מיר פּאָל ווערלענען ווי ער איז זיך מתוודה אין זיין לידער־ציקל Sagesse וואָס מיינט „חכמה".

דאָס איז די שענסטע און אָריגינעלסטע פון אַלע ווערלענס לידער־זאַמלונגען. שאַרל מאָריס האָט געזאָגט, אַז Sagesse איז דאָס

בעסטע בוך לידער נאָך Les Fleurs du Mal (די בלומען פון בייז) פון שאַרל באָדלער, דאָס דאָזיקע בוך לידער באַנייט אַ ליטעראַרישן זשאַנער וואָס איז שוין פאַרגעסן געווען הונדערטער יאָרן; דערמיט איז ווערלען מחייה מתים די רעליגיעזע דיכטונג (אין העכערן פּאָע־טישן זינען פון וואָרט), וועלכע איז פאַרשטומט געווען זינט דער עפּאָכע פונעם רענעסאַנס.

אָט וואָס דער מחבר שרייבט אין זיין פאָרוואָרט צו דער ערש־טער אויפלאַגע פון Sagesse:

„דער מחבר פון דעם בוך האָט נישט תמיד געטראַכט אַזוי ווי היינט. ער האָט לאַנג געבלאָנדזשעט אין דער היינטצייטיקער פאַרדאָרבנקייט, צוטראַגנדיק איר זיין טייל זינד און אומוויסן. פאַר דער צייט האָט אים אַ ביז גאַר פאַרדינטער צער מתרה געווען און גאָט האָט אים געטאָן די גנאָד ער זאָל פאַרשטיין די וואָ־רענונג. ער איז אַנידערגעפאַלן פאַרן אַלטאַר אַ לאַנגע צייט אָן אומפאַרשטאַנענער, ער פאַרגעטערט די אַלגוטסקייט און רופט צו הילף די אַלמעכטיקייט ווי אַן אונטערטעניקער זון פון דער קירך, וועלכער האָט די קלענסטע פאַרדינסטן אָבער איז פול מיט גוטן ווילן.

„דאָס געפיל פון זיין שוואַכקייט און דער אָנדענק פון זיינע ירי־דות האָבן אים באַגלייט ביים אויספאַרטיקן דאָס דאָזיקע ווערק וואָס איז זיין ערשטער עפנטלעכער אַקט פון גלויבן זינט אַ לאַנגן ליטעראַרישן שווייגן. ער האָפט אַז מ׳וועט דאָ נישט געפינען קיין שום זאַך וואָס איז קעגן דעם רחמים, וואָס דער מחבר, איצט שוין אַ קריסט, איז שולדיק די זינדיקע וועמעס מיאוסע זינד ער איז אַמאָל און כמעט לעצטנס אַליין באַגאַנגען״.

דאָס בוך האָט דער מחבר אַרויסגעגעבן פאַר זיין אייגן געלט

(600 פראַנק) אין קאַטוילישן פאַרלאַג Victor Palmé אין פאַריז אין אָקטאָבער 1880. עס איז אָבער נישט פאַרשפּרייט געוואָרן און גע־בליבן ליגן אין די קעלער פון פאַרלאַג. ערשט אין 1889 — גאַנצע ניין יאָר שפּעטער — איז דאָס בוך אַרויס אין אַ פאַרגרעסערטע אויפ־לאַגע אין פאַרלאַג Vanier , וועלכע איז געוואָרן ווערלענס אייגנט־לעכער פאַרלעגער.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין דריי טיילן. דער ערשטער טייל אַנטהאַלט די לידער אין וועלכע דעם דיכטערס נייע רעליגיעזע מיי־נונגען האָבן געפונען זייער פולן און קלאָרן אויסדרוק. דער צווייטער טייל באַשטייט פון פיר הימנען וואָס זענען דירעקט געווענדט צום פאָטער אין הימל, צו קריסטוסן דעם באַפרייער און צו דער הייליקער מוטער. צווישן די דאָזיקע הימנען איז פאַראַן אַן אויסגעצייכנטער מיסטישער דיאַלאָג — אין דער פאָרם פון אַ ריי פיינע סאָנעטן — צווישן גאָט און דעם זינדיקן. דער דריטער טייל אַנטהאַלט לידער וועלכע זענען, זעט אויס, געשריבן געוואָרן נאָך איידער ס׳איז ביי ווערלענען פאָרגעקומען די טיפע רעליגיעזע ענדערונג, די קאַטוילי־שע, די שטימונג אָבער וואָס הערשט אין זיי איז מיט איר „מרה־שחורה״־ניגון זייער נאָענט צום פסיכישן מצב פון דיכטער.

אָט זענען עטלעכע פון די שענסטע און כאַראַקטעריסטישסטע לידער פון דעם לידער־ציקל חכמה (Sagesse) :

פּאָל װערלען

גיי רואיק דיין וועג
VA TON CHEMIN

גיי רואיק דיין וועג און זיי זיך נישט מצער
גלייך איז דער שליאַר, דו דאַרפסט בלויז שטייגן
און מיטטראָגן מיט זיך דעם אוצר, דעם איינציקן וואָס גילט
און דעם כלי־זיין וואָס וועט דיך קענען שיצן,
דאָס תמימות פונעם גייסט און גאָט וואָס דיך באַהיט.

בפרט די האָפענונג, זי דאַרף מען היטן,
וואָס איז דען שוין אַ ביסל נאַכט און לייד?
דער וועג איז גוט און דער טויט ביים סוף,
דער עיקר היט די האָפענונג, ווייל דאָרטן אויבן
דער טויט אַ בעט דיר גרייט פון פרייד.

און זיי ליב מיט דער גאַנצער ליבשאַפט,
דאָס לעבן איז מיאוס, און דאָך איז עס דיין שוועסטער.
קריך אַרויף צום ברעג און זינג אפילו
אויף אָפּצושטויסן די אָפּגעהיטקייט וואָס איז בייז
און וואָס מסוגל איז דיין גלויבן שטעלן אין נסיון.

מלכה לאָקער

זיי איינפאַך ווי אַ קינד וואָס קריכט אַרויף צום ברעג
תמימותדיק ווי אַ זינדיקער וואָס האָסט די זינד,
זינג און זיי אפילו פרייליכער,
כדי זאָלסט בייקומען דעם אומעט וואָס דער שונא
קען שיקן דיר, זאָלסט איינשלאָפן אין וועג.

לאַך פון דער אַלטער פּאַסטקע און פון אַלטן פאַרפירער,
ווייל אויף די הייכן דאָ איז שוין פאַראַן דער פרידן,
וואָס לייכט דורך די פאַנפאַרן פון גדולה.

שטייג, באַגליקט, דורך ווייסער און דורך שוואַרצער נאַכט.
און שוין איבער דיר ציט אויס מיט אַ ציטער
דער מלאך, דער היטער,
די פליגלען פון פרייד און נצחון.

פאַל ווערלען

גרויסער גאָט

O MON DIEU

גרויסער גאָט, דו האָסט מיט ליבשאַפט מיך געבענטשט,
אין מיין האַרץ דיין ברכה ציטערט,
אָ, גאָט, דו האָסט מיט ליבשאַפט מיך געבענטשט.

מיין גאָט, דיין פחד האָט געטראָפן מיך
און ס׳האָט דיין גלאָריע זיך באַזעצט אין מיר,
אָ, מיין גאָט, דיין פחד האָט געטראָפן מיך.

מיין גאָט, איך האָב געוווסט אַז אַלץ איז הבל
און ס׳האָט דיין גלאָריע זיך באַזעצט אין מיר,
אָ, מיין גאָט, איך האָב געוווסט אַז אַלץ איז הבל.

טונק איין מיין נשמה אין די כוואַליעס פון דיין וויין,
באַגרינד מיין לעבן מיטן ברויט פון דיין טיש,
טונק איין מיין נשמה אין די כוואַליעס פון דיין וויין.

אָט איז מיין בלוט וואָס איך האָב נישט פאַרגאָסן,
אָט איז מיין גוף אומווערדיק פון ליידן,
אָט איז מיין בלוט וואָס איך האָב נישט פאַרגאָסן.

אָט איז מײַן שטערן װאָס האָט געקענט נאָר רויט װערן
און זײַן אַ פּוס־בענקעלע פֿאַר דײַנע הערלעכע פֿיס,
אָט איז מײַן שטערן װאָס האָט געקענט נאָר רויט װערן.

אָט זײַנען מײַנע הענט װאָס האָבן נישט געאַרבעט
פֿאַר די הייסע קוילן און זעלטענע בשמים,
אָט זײַנען מײַנע הענט װאָס האָבן נישט געאַרבעט.

אָט איז מײַן האַרץ װאָס האָט געשלאָגן בלויז אומזיסט,
כּדי צו אָנרירן די דערנער פֿון גאָלגאָטאָ,
אָט איז מײַן האַרץ װאָס האָט געשלאָגן בלויז אומזיסט.

אָט זײַנען מײַנע פֿיס, װאַנדערער פֿאַרשײַטע,
װאָס װאַרטן אויפֿן רוף פֿון דײַן גענאָד,
אָט זײַנען מײַנע פֿיס, װאַנדערער פֿאַרשײַטע.

אָט איז מײַן קול, בייזער קלאַנג פֿון שקר,
אויף אויסצודריקן תּשובֿה און חרטה,
אָט איז מײַן קול, בייזער קלאַנג פֿון שקר.

אָט זײַנען מײַנע אויגן װאָס לײַכטן פֿון טעותים,
כּדי פֿאַרלאָשן װערן אין טרערן פֿון דער תּפֿילה,
אָט זײַנען מײַנע אויגן, װאָס לײַכטן פֿון טעותים.

פּאָל ווערלען

נאָר לײדער, גאָט פֿון קרבן און מחילה,
טיף איז פֿון מײַן אומדאַנקבאַרקײט דער ברונעם,
נאָר לײדער, גאָט פֿון קרבן און מחילה.

גאָט פֿון שרעק און גאָט פֿון קדושה,
כ׳באַדויער פֿון מײַן חטא דעם שוואַרצן אָפּגרונט,
גאָט פֿון שרעק און גאָט פֿון קדושה.

דו גאָט פֿון שלום, פֿון פֿרײד און פֿון גליק,
אַלע מײַנע שרעקן, אַלע מײַנע אומוויסנס,
דו גאָט פֿון שלום, פֿון פֿרײד און פֿון גליק.

דו קענסט דאָס אַלץ, דאָס אַלץ
און ווײסט אַז איך בין אָרעמער פֿון אַלע,
דו קענסט דאָס אַלץ, דאָס אַלץ.

נאָר וואָס כ׳פֿאַרמאָג, מײַן גאָט, דאָס גיב איך דיר.

מלכה לאָקער

מיין האַר, כ׳האָב מורא
SEIGNEUR, J'AI PEUR

מיין האַר, כ׳האָב מורא, מיין נשמה אין מיר ציטערט,
איך זע, איך פיל, מען מוז זיין דיין.
אָבער ווי אַזוי, מיין גאָט, אין גאַנצן דיר געהערן,
אָ, דו גערעכטיקייט, פאַר וועלכער ס׳ציטערן גערעכטע.

יאָ ווי אַזוי ? ווייל ס׳נעמט זיך שאָקלען די געוועלבונג
וווּ ס׳האָט מיין האַרץ אַ קבר זיך געגראָבן
און כ׳פיל ווי ס׳פאַלט אויף מיר דער פירמאַמענט
און כ׳פרעג : וווּ איז דער וועג פון דיר צו מיר ?

גיב מיר דיין האַנט, כ׳זאָל קענען אויפהויבן
מיין גוף דעם איינגעבויגענעם און אויך מיין קראַנקן גייסט.
אָבער דעם קוש דעם הימלישן צו קריגן,

צי איז עס מעגלעך ? געפינען אין דיין טראַכט אַ מאָל,
אין דיין האַרצן וואָס איז מיינס געוועזן,
דאָס אָרט וווּ ס׳האָט גערוט דער קאָפּ פון אַפּאָסטאָל ?

פּאָל ווערלען

אַ גרויסער שוואַרצער שלאָף
UN GRAND SOMMEIL NOIR

אַ גרויסער שוואַרצער שלאָף
אויף מיין לעבן פֿאַלט:
שלאָף, יעדער רוף,
יעדע האָפֿענונג, שלאָף.

גאָרנישט זע איך מער,
מיין זכרון איך פֿאַרליר
פֿון בייז און פֿון גוטס.
ווי טרויעריק ס׳איז מיר.

איך בין אַ וויג
וואָס אַ האַנט וויגט איין.
אין אַ גרוב איך ליג.
ס׳איז שטיל, אָ פּיין.

מלכה לאָקער

דער הימל איבער דעכער
LE CIEL EST PAR-DESSUS LE TOIT

דער הימל איבער דעכער
אַזוי שטיל, אַזוי בלוי!
דער בוים וויגט זיין געבלעטער
געוואַשן פון טוי.

דעם גלאָק פונעם הימל,
פון אויבן מען זעט.
אויפן בוים זינגט אַ פויגל,
זינגט אויס זיין לייד.

ווי איינפאַך און ווי שטיל
איז ס'לעבן דאָ מיין גאָט, מיין גאָט.
דאָס שלווהדיקע זשומען
עס קומט פון דער שטאָט.

דו וויינסט אָן אַ שיעור,
וואָס איז מיט דיר געוואָרן?
זאָג, וואָס האָסטו דען געטאָן, אָ דו,
מיט דיינע יונגע יאָרן?

„זשעני איז נישט מכפּר אויף אוממאָראַלישקייט, אָבער אוממאָראַ־לישקייט פאַרקלענערט נישט דעם זשעני״, זאָגט פראַנסוּאַ פּאָרשע. דאָס זיינען צוויי פאַרשידענע שטחים. דאָס צוזאַמענטרעפן, דאָס געוויינטלעכע צוזאַמענטלעבן פונעם סובלימען מיטן נידעריקן אין דעם זעלבן מענטשן איז אַ טעמע וואָס איז אומאויסשעפּלעך, וואָס גייט אַריבער די ראַמען פון אַ געוויינטלעכער ליטעראַרישער שטודיע. און אין דעם פּרט איז ווערלען אַ דערשטוינענדיקער משל און אַ רעטעניש.

***

ווערלען איז זיך מודה ערגעץ־ווו, אַז זיין זינלעכקייט האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין עלטער פון 12—13 יאָר, אָבער שוין אין די יינגסטע יאָרן אינטערעסירט ער זיך פאַר אַלעמען מיט פּאָעזיע, ער שרייבט, פאַראַדירט. אָבער ער מאַכט זיין באַקאַלאַרעאַט (מאַטורע־עקזאַמען) אין צייט.

ווערלען שטאַמט פון אַ חשובער משפּחה און ווערט אומעטום אויפגענומען מיט כבוד. ער איז תמיד באַהאַוונט אין דער ליטעראַטור. מען קען זאָגן, אַז ער האָט באמת געהאַט אַ זוניקע יוגנט. אָבער ער הויבט אויך אָן פריצייטיק צו טרינקען. נישט, חלילה, צוליב וועלכע־עס־איז צרות. ער האָט געגוג פרי באַקומען אַ פּאָסטן אין האָטעל דע וויל (שטאָט־פאַרוואַלטונג) אין 9־טן אַראַנדיסמאַן אין קאַנטאָר פון בודזשעטן און חשבונות. די גאַנצע צייט וואַרט ער אויף 5 אַ זייגער כדי צו טרינקען דעם אַפּעריטיף, וואָס איז בדרך כלל געווען אַבסינט. ווערלען איז נישט געווען דער איינציקער וואָס איז געווען פאַרקויפט צו דעם דאָזיקן נאַרקאָטיק. לויט פראַנסוּאַ פּאָרשע, שאַרל קראָס, ווילִיע דע ליל אַדאַן, זשעראַר דע נערוואַל — איז ער אָבער געווען אָפּהענגיק פון דעם נאַרקאָטיק זיין גאַנץ לעבן.

אין יאָר 1865 פאַרעפנטלעכט ער אַ קריטישע שטודיע איבער פּאָעזיע אין דער צייטשריפט L’Art (די קונסט). ער אַטאַקירט באַרבע ד׳אָרווילי, וועלכער האָט נישט געהאַלטן פון ראָמאַנטישער פּאָעזיע און האָט אַנגערופן וויקטאָר הוגאָ „אַ גרויסער, ליידיקער שטערן״.

ווערלען נעמט זיך אָן פאַרן „זיידן״, וואָס איז בשעתו געווען The grand old man. עס איז מאָדנע, אַז כמעט אין אונדזערע טעג האָט עמעצער געפרעגט אַנדרע זשידן ווער ס׳איז דער גרעסטער פראַנצויזישער פּאָעט, און זשיד זאָל האָבן געענטפערט: „וויקטאָר הוגאָ, צום באַדויערן״. הוגאָ האָט זיך, אגב, נישט גענויטיקט אין דער דאָזיקער פעסטשטעלונג.

ווערלען האָט פאַרלוירן זיין פאָטער, דעם איינציקן מענטשן וואָס האָט געהאַט אַ געוויסע אויטאָריטעט איבער דעם פּראָבלעמאַטישן זון. צו זיין אָן קיין שום השגחה איז, ווי מיר וועלן זען, געווען זייער געפערלעך פאַר ווערלענען.

***

מיר זעען פון דעסטוועגן, אַז פאַל ווערלען האָט דערגרייכט די גאולה פון פילן זיך פריי... אויסגעלייזט פון יעדער זינד, פון יעדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די קירך האָט ברייטע פּלייצעס. אַלץ נעמט זי אויף זיך. לעפּעלטיע איז געווען סקעפּטיש וועגן דער נייער מעטאַמאָרפאָזע, ער האָט געטראַכט: אָט דאָס איז אַ נייע טעמע פאַר געזאַנג, פאַר שירה. און מיר ווייסן, אַז ווערלען האָט זיך דערמיט געניצט. זיין גאַנצער ציקל Sagesse איז אַ מין וידוי, אַ מין שטרעבן זיך אין גאַנצן אָוועקצוגעבן, אין גאַנצן אויסצוגיין אין גלויבן, אין חרטה.

די תפיסה־דיסציפּלין האָט ער ערלעך אויסגעהאַלטן און ער ווערט דעריבער פריער באַפרייט. זיין ערשטער געדאַנק, ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, איז געווען — אַרטור רעמבאָ. ער האָט געהאָפט, לויט מאַרסעל קולאָן, אַז רעמבאָ וועט צו אים צוריקקומען. מיר זעען ווי ווייניק ער האָט פאַרשטאַנען דעם יונגן רעבעל, ווי ווייט ער האָט ווידער נאָכגעפאָלגט זיין ווונטש־טרוים, זיין אייגענעם באַגער. ער האָט זיך פירגענומען צו איבערצייגן רעמבאָ אינעם חסד פון קאַטוי־ליציזם און אין דער ריינקייט און שיינקייט פון זייערע באַציונגען, אין די ווונדערלעכע איבערלעבונגען, וואָס זיי וועלן האָבן אונטערן שוץ פון גלויבן, און זיי וועלן זיין אָפּגעהיט פון אַלץ וואָס זעט אויס ווי זינד און סאָדאָמיע.

אין דער תפיסה אין מאָנס אַנטדעקט ווערלען דעם קאַטויליציזם. ער נויטיקט זיך אין טרייסט און דערפילט די גרויסע מעלה פון דער קאַטוילישער אמונה, איר גרייטקייט אויפצונעמען די פאַרלוירענע שאָף, צו טרייסטן די פאַרמישפּטע, אויסצוהערן זייער ווייגעשריי. נישט נאָר וואָס די קירכע דערנענטערט די זינדיקע, זי נעמט אויך אַראָפּ פון זיי די שווערע לאַסט פון חטא און גיט זיי די געלעגנהייט זיך צו פאַרטיפן אין קאַטוילישן מיסטיציזם.

לויט אָט דעם וידוי, אינגאַנצן לויטן קאַטוילישן נוסח, זעען מיר ווי ווערלען האָט דעם דאָזיקן צושטאַנד זייגעם אויסגענוצט פאַר זיין מוזע. און דאָך האָט ער מורא ווי אַזוי וועט ער ווידער אויפבויען זיין צעשלאָגן לעבן. „טרויעריקער גוף—זיפצט ער—ווי שוואַך און ווי געשטראָפט. ס'איז זייער שווער זיך צו האַלטן אין אַן אומענדלעכער מאַנאָטאָניע, וואָס גייט אַדורך דעם גרויסן רעגימענט פון טעג...״

***

דער שונא איז די לאַנגווייליקייט.

ער שרייבט זיך איבער די גאַנצע צייט מיט לעפּעלטיע וועגן אַרויסגעבן זיין לידער־זאַמלונג Romances sans Paroles (ראָמאַנסן אָן ווערטער) און אַזוי ווי קיין שום פאַרלאַג וויל נישט הערן דער־פון, גיט זי דער גערטרייער לעפּעלטיע אַרויס אין 1874 אויף אייגענע הוצאות. קאָפּיעס ווערן געשיקט צו פאַרשידענע ליטעראַרישע פּער־זענלעכקייטן און צו Mr. Swinburne אין לאָנדאָן. פאַר מאַטילדען האָט ווערלען נישט געוואַגט צו פאַרלאַנגען אַ בוך. די ערשטע אויפ־לאַגע איז דורכגעגאַנגען אָן קיין שום אָפּרוף. אָבער די צווייטע, אין יאָר 1887, האָט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע.

אָט איז איינס פון די שענסטע און באַקאַנטסטע לידער פון די ראָמאַנסן אָן ווערטער:

פּאָל ווערלען

ס׳וויינט אין מיין האַרץ

IL PLEURE DANS MON COEUR

Il pleut doucement sur la ville
Arthur Rimbaud

ס׳וויינט אין מיין האַרץ
און ס׳רעגנט אין שטאָט.
וואָס מיינט דען דאָס ליידן
וואָס דרינגט אין מיין האַרץ ?

זיסער רויש פון רעגן
אויף דער ערד, אויפן דאַך,
דאָס האַרץ אַזוי באַנג
ווי פון רעגן־געזאַנג !

ס׳רעגנט אָן אויפהער
און אָן אַ פאַרוואָס
און דאָס האַרץ איז צעבראָכן
און טרויער אָן באַשייד.

ווי שווער איז מיין פּיין
נישט צו וויסן און ליידן
אָן ליבע, אָן שנאה
מיין האַרץ איז פול פּיין !

אין לאַטייניש קוואַרטאַל ווערט ווערלען ענדלעך אַנטדעקט. ער האָט אַ שטענדיקע ליטעראַרישע באַשעפטיקונג, אַ חברה יונגע באַ־ווונדערער, וואָס טרינקען מיט התלהבות יעדעם וואָרט, וואָס גייט אַרויס פון זיין מויל.

די תפיסה אין מאָנס איז הינטער אים. צוליב זיין גוטן אויפפירן זיך, איז ווערלען באַפרייט פאַר דער צייט. אָבער וואָס טוט מען מיט דער דאָזיקער פרייהייט? די תפיסה אין מאָנס האָט געבראַכט ווערלע־נען צו דער קאַטוילישער קירכע. און גלייכצייטיק, וואָס מער זיין לעבן ווערט צעשויבערט, אַלץ מער בענקט זיך אים נאָך רעמבאָ לגבי וועלכן עס גלוסט זיך אים אַרויסצווייזן זיין „מעגלעכקייט". אַלע מיטלען צו אים צו דערגרייכן זענען פאַר אים גוט, אַריינגערעכנט דאָס אויסנוצן דעם פּרעסטיזש פון וועלכן ער מיינט צו געניסן אין די אויגן פון אַרטורן צוליב זיין איבערגיין צום קאַטויליציזם אין דער תפיסה.

✶

דער איינציקער, וואָס האָט געקענט רעמבאָס אַדרעס, איז געווען ערנעסט דעלאַהיי און ווערלען באַמבאַרדירט רעמבאָ, דורך דער פאַר־מיטלונג פון דעלאַהיי, מיט אומצאָליקע בריוו. ער דערציילט אים וועגן דער ישועה מיט זיין איבערגאַנג צום קאַטויליציזם, ער דער־ציילט אים וועגן דעם כוח פון „הייליקן האַרץ" און בעט זיך ביי אים ער זאָל נאָכטאָן זיין ביישפּיל און גיין אויף דעם זעלבן וועג, וואָס פירט צו געזונטהייט און צו רו. „לאָמיר ביידע זיך ליבן מיטן כוח פון יעזוסן!" — שלאָגט ער אים פאָר און פאַרמאַטערט דעלאַהיי מיט בריוו, ער זאָל אים געבן רעמבאָס אַדרעס. מיט רעמבאָס הסכמה קריגט ווערלען דעם אַדרעס. ער וואַרט נישט קיין סך און פאָרט

גלייך קיין שטוטגאַרט, ווו רעמבאָ האָט זיך געפונען. ווערלען הויבט תיכף אָן צו פּרעדיקן און דער ויכוח דויערט אַ גאַנצן טאָג און ווען רעמבאָס געדולד פּלאַצט, גיט ער גוטע קלעפּ דעם אָרעמען בעל־תשובה, לאָזט אים ליגן אַ צעבלוטיקטן אויפן ברעג פון טייך נעקאַר און קער׳ט זיך אַליין צוריק קיין שטוטגאַרט.

אָט איז איינער פון די שיינע שפּאַצירן וואָס ווערלען האָט וועגן זיי געחלומט. ווערלען טראַכט וועגן אַריינגיין אין אַ קלויסטער. אָבער דאָס טוט זיך נישט אַזוי גיך ווי עס רעדט זיך — מען פרעגט קשיות, מען בעט דעם אַדרעס. אַ פּשוטער, פּראַקטישער צוגאַנג. ווו איז אַהינגעקומען דער טיפער מיסטיציזם וואָס ער האָט געפילט אין דער תפיסה אין מאָנס? ער אַנטלויפט קיין פּאַריז.

מיר האַלטן ביים יאָר 1875. ווערלען האָט בלויז איין אָדער צוויי מאָל געזען זיין קינד, זיין פרוי קיין מאָל נישט מער. דער פּרווו זיך ווידער אַריינצולאָזן מיט רעמבאָ האָט זיך, ווי מיר ווייסן, אויך נישט איינגעגעבן. ווערלען האָט פאַרשווענדט דאָס פאַרמעגן פון זיין מוטער. זי קאָן זיך פּשוט נישט דערלויבן אים ווייטער אויסצו־האַלטן און ער גיט אַ מודעה אין דער ענגלישער פּרעסע; ער נעמט זיך אונטער צו געבן פראַנצויזישע לעקציעס. און אויב ער קען קריגן אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואָלט ער געווען צופרידן. ער באַקומט אַ פּאָ־זיציון ענטפער. אין דער ענגלישער פּראָווינץ־שטאָט סטיקניי איז געווען אַ שולע וואָס זיין פּאַרשטייער, אַנדריו, איז מסכים אויפצו־נעמען דעם פראַנצויזישן פּאָעט, ער זאָל לערנען מיט זיינע תלמידים פראַנצויזיש. ווערלען איז אַזוי אַרום ווידער אין ענגלאַנד, אָבער נישט אין לאָנדאָן, וואָס איז פאַר אים פול מיט ביטערע זכרונות.

„ס׳איז באמת טרויעריק, ס׳האָט זיך פאַרענדיקט שלעכט. מען טאָר נישט זיין געטראָפן ביז מען ברעכט זיך איין אין גאַנצן. און

ס׳איז באמת צו פיל. טויט פאַר דער טרויעריקער חיה, וואָס זעט פליסן איר בלוט אונטערן פאַרנעפּלטן בליק״.

לאָנדאָן רויכערט און שרייט
סאַראַ פּאַלק פון דער ביבל
דער גאַז פלאַמט און שרייט אין רויטע שילדן
ווי אַ סענאַט פון ווייבער אַלטע
וואָס שרומפּן איין, אַ שרעק, אַ ווילדער.

סוף כל סוף געפינט ווערלען, ווי מיר זעען, אַרבעט אין סטיקניי. ער בלייבט דאָרט איבער אַנדערטהאַלב יאָר. אין 1876 פאַרלאָזט ער ענגלאַנד און קומט צוריק קיין פראַנקרייך. זיין מוטער האָט זיך באַזעצט אין אַראַס, אויסמעבלירט איר דירה גוט בירגערלעך. דעלאַהיי, וואָס געפינט זיך גראָד דעמאָלט ביי איר אויף אַ באַזוך, קוקט איבער דעם אַלבום מיט פאָטאָגראַפיעס און שטעלט זיך אָפּ ביי אַ בילד פון אַ יונג מיידל. „דאָס איז זי״, רופט ווערלען אויס מיט כעס; דאָס איז געווען זיין פרוי מאַטילד.

ער גיט ווידער אָנאָנסן צו זוכן אַרבעט. ער קריגט אַ שטעלע אין לימינגטאָן, פאַרלאָזט זי באַלד און פאָרט אַוועק קיין באָרנמאַוט און פון דאָרט ווידער אַמאָל קיין פאַריז.

עס איז אפילו פריקרע נאָכצוגיין די פאַרוואָגלטע וועגן פון אַזאַ צעשפּאַלטענער בריאה וואָס האָט געהייסן פּאָל ווערלען.

די מאָטיוון פון אָט די וואָגלענישן און דער צעשפּאַלטנקייט קומען שוין צום אויסדרוק אין זיין יוגנט־ווערק Poèmes saturniens (סאַטורנישע פּאָעמעס), וואָס זענען דערשיינען אין יאָר 1866 בעת דער דיכטער איז אַלט געווען קוים 22 יאָר.

אָט זענען צוויי פון די כאַראַקטעריסטישסטע לידער פון דער דאָזיקער זאַמלונג:

מלכה לאָקער

די אַנגסט

L'ANGOISSE

נאַטור, עס רירן מיך נישט מער די נערנדיקע פעלדער דיינע,
נישט דאָס ווידערקול פון סיציליאַנער פּאַסטאָראַלן,
נישט די פּראַכט פון זונען־אויפגענג
און נישט די ווייטיקלעכע יומטובדיקייט פון די שקיעה׳ס.

איך לאַך זיך אויס פון קונסט, פון מענטש און פון געזאַנג,
פון פערזן, טעמפּלען גריכישע, פון טורעמס אין ספּיראַלן,
וואָס ס׳שטרעקן אויס אין הימל ליידיקן די קאַטעדראַלן
און כ׳זע מיט גלייכן בליק די גוטע און די בייזע.

כ׳גלויב נישט אין גאָט, כ׳זאָג אָפּ און לייקן יעטוועדע מחשבה
און וואָס שייך דער אַלטער שפּעטערין, דער ליבע,
איז בעסער רעדט מיר נישט פון איר.

צו לעבן בין איך מיד, ווייל מורא כ׳האָב צו שטאַרבן,
עלנט ווי אַ שטיין, אַ שפּילצייג פונעם אָפּגוס און פון צוגוס,
גרייט זיך מיין נשמה צו צום מוראדיקן שיפבראָך.

פאָל ווערלען

NEVERMORE

קום, אָרעם האַרץ, מיין אַלטער שותף צו די זינד,
באַניי און מאָל אויף ס׳ניי אַלע דיינע טריומף־בויגנס,
צעצינד אַ טוכלען ווייערך אויף דיין אַלטאַר פון פאַלשן גאָלד.
פאַרזיי מיט בלומען די ברעגעס פונעם תהום,
קום, מיין אָרעם האַרץ, קום, מיין אַלטער שותף צו די זינד.

פאַרצי צו גאָט דיין געזאַנג, אָ, דו פאַריינגטער זינגער,
צעשפּיל, אָ הייזעריקער אָרגל, דיינע פּרעכטיקע „טע דעאומ״ס
פּריצייטיקער זקן, באַשמיר מיט שמינקע דיינע קנייטשן,
מיט טעפּיכער ברוין־רויטע באַדעק זיך, געלע וואַנט,
פאַרצי צו גאָט דיין געזאַנג, דו פאַריינגטער זינגער.

קלינגט, איר גלעקעלער, איר גלאָקן, קלינגט!
ווייל מיין חלום דער אוממעגלעכער מקוים איז געוואָרן
און כ׳דריק אין מיינע אָרעמס דאָס גליק, אָט דעם באַפליגלטן
וואַנדערער וואָס מיידט אויס די נאָנטקייט פונעם מענטשן.
קלינגט, איר גלעקעלער, איר גלאָקן, קלינגט!

דאָס גליק געשפּאַנט האָט זייט ביי זייט מיט מיר,
די פאַטאַלקייט אָבער ווייס נישט פון קיין שטילשטאַנד:
דער וואָרעם איז אין פּרוכט, דער אויפוועק אינעם חלום
און די חרטה אין דער ליבע — אַזאַ איז דאָס געזעץ.
דאָס גליק האָט געוואַנדערט זייט ביי זייט מיט מיר.

ער איז ווידער אין פּאַריז, איינזאַם פֿאַרלאָזן. זיין פּרווו צו געפֿינען אַ פֿאַרלעגער פֿאַר זיינע דיכטונגען Sagesse, אַנדערע צעוואָרפֿענע טעקסטן Amour און Parallèlement ,Jadis et Naguère האָט זיך נישט איינגעגעבן. זיינע אַמאָליקע חברים האָבן זיך שוין דורכגעזעצט. ווערלען בלייבט אין דרויסן. עס גייט אַרויס אַ לעצטע אויסגאַבע פֿון דער זאַמלונג Parnasse Contemporain, אָבער ווערלען געפֿינט זיך נישט אין דער אַנטאָלאָגיע. עס איז טרויעריק צו וויסן, אַז די דאָזיקע בעגאַטיווע באַציונג מצד דער ליטעראַרישער עליטע אין פֿראַנקרייך האָט זיך גענומען פֿון אַ געוויסן סנאָביזם, ווייל ווערלענס לעבן איז נישט געווען אין איינקלאַנג מיט די אָנגענומענע קאָנווענציאָנעלע נאָרמעס.

סוף כּל סוף באַווייזט זיך אַ שימער פֿון גליק. ערנעסט דעלאָהיי, וואָס איז בשעתו געווען אַ לערער אין אַ קאַטוילישער שולע, האָט געמוזט אויפֿגעבן די שטעלע. ווערלען האָט זיך געווענדט צו דער דאָזיקער שולע און האָט דעם פּאָסטן באַקומען. דאָס האָט באַטייט אַ צימער מיט קאָמפֿאָרט, אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן. אין די אָוונטן, ווען דער גאַנצער קאָלעזש איז געשלאָפֿן, פֿלעגט ווערלען זיך צוריקציען אין זיין צימער און שרייבן. פֿאַר די גלחים אין קאָלעזש האָט ער לכתחילה אויסגעזען אַ ביסל מאָדנע. מיט דער צייט האָבן זיי זיך דערנענטערט, די שול־אינטריגעס האָבן אים גענומען אינטערעסירן. ער האָט געלערנט מיט די תּלמידים ענגליש, לאַטיין און געאָגראַפֿיע. דער קאַטוילישער נעאָפֿיט האָט זיך געפֿרייט ווען ער האָט געהערט אַז דער אַרציבישאָף פֿון ריימס קומט אויף אַ באַזוך. ער האָט געבעטן ביי אים אַן אוידיענץ און האָט זי באַקומען.

דאָס מאָל איז ווערלען געפֿאָרן אויף פֿעריען, צופֿרידן מיט זיך און מיט דער וועלט. אין פּאַריז באַגעגנט ער שאַרל דע סיוורי, וועל־

כער וויל שרייבן אַן אָפּערע La Tentation de Saint Antoine און בעט ווערלענען צו שרייבן דעם טעקסט. און, ווי זיין שטייגער, האָט ווערלען צוגעזאָגט און נישט געהאַלטן זיין צוזאָג. ווערלען איז נישט געווען בכוח צו האַמעווען זיינע נטיות צו שכרות, צום אַבסינט. אין אויגוסט 1879 פּילט ער זיך ווידער אומבאַהאַלפן: ער איז פאַרפּלאָנ־טערט אין טייוולאַנישע תאוות. דאָס מאָל פאַרליבט ער זיך אין אַ פּויערים־ייִנגל, אַ תלמיד פון קאָלעזש מיטן נאָמען ליסיען לעטינואַ, וואָס איז אַלט 17 יאָר. ״איך האָב געקענט״, זאָגט ער, „דאָס דאָזיקע קינד וואָס איז געווען אַ פרומער תלמיד דאָרט וווּ איך בין געווען פּראָפעסאָר. אויסגעדאַרט און מאָגער, זיין באַטירלעכע אינטעליגענץ, זיין ריינקייט — באמת שיין. זיינע אויגן, זיין קול, זיינע מידות האָבן מיין האַרץ פאַרכאַפּט...״ ווערלען שטייט ווידער פאַר אַ נסיון. ליסיען פאַרלאָזט דעם קאָלעזש און ווערלען דערשרעקט זיך צו בלייבן אַליין און גייט נאָך דעם ייִנגל אין דאָרף. ער באַשליסט צו אַדאָפּטירן אים פאַר אַ זון, זיין אייגענער זון ווערט פאַר אים אויסבאַהאַלטן, זאָל ליסיען פאַרנעמען זיין אָרט...

דאָס לעבן אין דאָרף געפעלט אים און ער באַשליסט צו קויפן אַ פאַרם און צוזאַמען מיט ליסיענען זי צו באַאַרבעטן. די מיטלען מוז, פאַרשטייט זיך, אויך דאָס מאָל באַשאַפן די מוטער. זי פאַרקויפט אַלץ וואָס לאָזט זיך נאָר, די פאַרם ווערט געקויפט אין 1880 און פאַר־שריבן אויפן נאָמען פון ליסיענס פאָטער. הגם די סיבה צו לעבן אין דאָרף איז געווען אַן עראָטישע, האָט דאָ נאָך מיטגעשפּילט אַן אַנדער מאָטיוו, דהיינו ווערלענס בענקשאַפט צו פירן אַ באַלעבאַטיש לעבן. דער פּראָיעקט האָט זיך אַזוי ווייניק איינגעגעבן ווי אַלע זיינע אַנדערע פּראַקטישע פּראָיעקטן. דאָס פאַרמעגן פון דער מוטער איז זיך צע־גאַנגען ווי זאַלץ אין וואַסער. די פאַרם ווערט ליקווידירט אין 1882.

מ׳האָט געראַמעוועט קוים עטלעכע הונדערט פראַנק. ווערלען קערט זיך אום קיין פּאַריז. און כדי די מאָס זאָל ווערן פול שטאַרבט ליסיען פון טיפוס דעם 7־טן אַפּריל 1883.

מיין פריינד, מיין שענסטע פריינדשאַפט,
די טויטע זיינען טויט, געבענטשט זאָל זיין זייער אייביקייט.
איך וויל זאָגן דעם גאַנצן אמת.
דו ביסט געקומען אין צייט, אין אַ גוטער שעה,
דו ביסט געקומען אין מיין לעבן, דערלאַנגט צו מיין האַרץ
אין קלימאַקטערישן טאָג ווו דאָס שוואַרצע שיפל דרימלט.
מיין גוף געוואָלט האָב איך דערטרינקען אין
אויסגעלאָשענעם חושך,
מיין ליידנדיקן גוף. דאָך מיין גייסט איז מנצח.

ליסיענס טויט איז פאַר ווערלענען געווען אַ שווערער קלאַפּ. ער טענהעט איין מיט גאָט וואָס האָט אים געגעבן אַ זון און אים ווידער צוגענומען... ווערלען דערנענטערט זיך צו די מיטעלערע יאָרן.

דאָס בוך Sagesse, דערשינען סוף 1880, האָט נישט אויסגענו־מען. פאַר די פרומע איז עס געווען צו ליטעראַריש, פאַר די וועלטלעכע צו פרום. דער פאַרשטייער פונעם קאַטוילישן פאַרלאַג ראָט אים צו פרוון שרייבן פראָזע אָנשטאָט דיכטונג. און אפשר פּאָליטישע אַר־טיקלען? ער האָט אויך דאָס געפּרוווט, אָבער אויך דאָ נישט מצליח געווען. די ליטעראַרישע קליקע האָט אים איגנאָרירט. לעפּעלטיע, וואָס האָט געאַרבעט אין דעם זשורנאַל Réveil, וואָס איז שפּעטער געוואָרן Echo de Paris, האָט דערמעגלעכט ווערלענען צו שרייבן פּאַריזער סקיצן, אַ זאַך וואָס האָט נישט קיין באַזונדערע באַדייטונג,

סיידן דערמיט וואָס ווערלען האָט אָנגעהויבן שרייבן פּראָזע. דער־
ווייל האָבן די יונגע שרייבערס געגרינדעט אַ זשורנאַל מיטן נאָמען
Lutèce און ווערלען ווערט פאַרבעטן מיטצואַרבעטן אין אים.

ער קומט אַרויס אין דעם זשורנאַל מיט אַ סעריע אַרטיקלען,
עסייען „די פאַרשאָלטענע פּאָעטן" (Les poètes maudits) וואָס
זיינען נאָך שפּעטער דערשינען אין בוכפאָרם און זיינען נאָכן ווערק
„מיינע שפּיטעלער" אפשר זיין בעסט פּראָזע־ווערק. דער אַרטיקל
וועגן אַרטור רעמבאָ איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. דער יונגער
עולם האָט דעם יונגן זשעני נישט געקענט. ווערלענס אַרטיקל האָט
געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי די יונגע און ווערלען איז ענדלעך באַמערקט
געוואָרן. סוף כל סוף האָט ווערלען געשפּילט אויף אַ ריכטיקער קאָרט.
דאָס אַנטדעקן רעמבאָ פאַר דער יונגער וועלט האָט אים ענדלעך
געהאָלפן אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף זיך. ער האָט אויך אָנגעהויבן
שרייבן אונטער אַ פּסעוודאָנים: Le pauvre Lélian (דער אָרעמער
לעליאַן).

דער אָרעמער לעליאַן

געוויס איז ווערלען נישט געווען ביים נאָרמאַלן שכל לויט די אָנגענומענע נאָרמעס, בפרט צוליב זיין שוואַכער פיזישער קאָנסטי־טוציע, וואָס זיין מוח איז געווען אַזוי אָפּהענגיק פון איר. ער איז בכן געווען אַ קרבן, נישט אַזוי פיל פון שכרות, ווי פון זיין נער־ווער סענסיביליטעט.

ער איז אין די מיטעלע יאָרן. פאַראַן קוים אַ סימן אַז מ׳האָט זיך אויף אים דערקענט. ער שלעפּט זיך אַרום פון קאַפע צו קאַפע, מער־סטנטייל זיצט ער אין קאַפע François Premier, וווּ ער טרעפט זיך מיט די יונגע וואָס זיינען אים מכבד מיט זיין באַליבטן אַבסינט, כדי אים אָנצורעגן צו ריידן, צו דערציילן וועגן זיין לעבן וואָס האָט גע־שוועבט צווישן „דיכטונג" און „וואָרהייט". זיי האָבן דערזען זיין טיפע ירידה און ווי אַזוי ער האַלט נאָך אין איין פאַלן. געוויס האָבן זיי דערקענט, אַז Fêtes galantes, Poèmes saturniens, La bonne chanson זיינען אויף זייער אופן וווּנדערלעך און נישט אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. און די יונגע האָבן זיך געוווּמען פרעגן: אפשר איז ער דאָך איינער פון די בעסטע, פון די פיינסטע ליריקער פון פראַנק־רייך?

אָבער ערשט ווען ס׳אָרגאַניזירט זיך אַ גרופּע יונגע לייט אַרום דער צייטשריפט Lutèce, ענדערט זיך דער גורל פון ווערלענען לטובה, און ווי שוין פר׳ער דערמאַנט, ווערט ער פאַרבעטן דאָרט מיט־

צואַרבעטן. די ליטעראַרישע סקיצן, וואָס זיינען שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטערן טיטל „די פאַרשאָלטענע פּאָעטן" און דער אַרטיקל וועגן אַרטור רעמבאָ האָבן אַרויסגערופן אַ סענסאַציע.

דער פּאָעט זוכט זיין וועג צווישן חלום און לעבן. אַלץ וואָס ער נעמט אויף איז דאָס רוישן פון כוואַליעס און פון וועלדער... וואָס פורעמט זיך אויס כמעט אַליין צו אַ גאַנצקייט, צו אַ פּאָעמע. ווי וויט איז דאָס פון באָדלערס אויסקוק אַז מען דאַרף נאָר אַרבעטן, אַרבעטן, אפילו נאָכן רוישן פון כוואַליעס און פון וועלדער ? ! נישט אַזוי ווערלען. באַוווסט אָדער נישט באַוווסט, האָט ער געזען אין דער נאַטור אַן אומגעהייערן רעזערוואַר פון אַנאַלאָגיעס, וואָס רייצן דעם דמיון. און ער האָט געזוכט דאָס וואָס ער האָט געזען, וואָס ס'האָט אים געפרייט, וואָס ס'האָט אים ווי געטאָן, מיט אַלע צייכנס און אימאָזשן, אָבער אָן אַ פילאָזאָפירן לויט טעאָריעס אָדער לויט סיסטעמען.

*

דער סימבאָליזם איז געגאַנגען גלייכצייטיק מיטן אימפּרעסיאָניזם. ד. ה., אַז פּאָעזיע דריקט אויס אַ פאַרייִנגערטע נאַטור, אַ פאַרייִנגערטער זינלעכקייט, דורך אַן אימפּרעסיאָניסטישער וויזיע פון די זאַכן. פאַראַן דיכטערס וואָס האָבן געפאָלגט ווערלענס דעליקאַטער מוזיקאַלישקייט און אַנגענומען זיין נוסח צום טייל עראָטיש און סענטימענטאַל. אַנדערע זיינען געגאַנגען לויטן וועג פון פראַנסואַ וויאָן, לויט דער ליריק פון מיטלאַלטער, לויטן מיסטיציזם פון רעליגיע אָדער מיסטיציזם פון די חושים. אויך דאָס איז געווען ווערלען. ווערלען איז געוואַקסן אויף דעם אַש פון ראָמאַנטיזם. פאַרשטייט זיך, אַז די מאָדערנע אָפּצווייגונגען זיינען אים נישט געווען פרעמד און ער האָט, נישט ווויסנדיק אפילו, פאַראייניקט אין זיך „די קאָמפּאַ־

זיציעס פון די אומשטענדן", ד. ה., פון דער מאָדערנער צייט. דאָס איז די אויפגאַבע פון פּאָעט: זיין אַן אויסדערוויילטער צווישן די מענטשן. ער האָט באַקומען פון גאָט די סגולה צו „העלפן" און צו קאָנסטאַטירן, צו פאַראייניקן אין זיך אַלע פענאָמענען, אַלע דערשיינונגען וואָס גייען אַן און ער איז מחויב זיי צו אַנטפּלעקן דער וועלט. דאָס איז אפשר דאָס וואָס האָט באַרעכטיקט פּאָל וואַלערי צו זאָגן:

„דער מענטש וואָס האָט קיין מאָל נישט געפּרוווט צו ווערן ענלעך צו גאָט איז ווייניקער פון אַ מענטשן".

ווערלען ווערט מיט אַמאָל אַ ליטעראַרישע פיגור. ער הויבט אָן שרייבן וועגן זיך אַליין, אמת אונטערן פּסעוודאָנים Le pauvre Lélian, אַ צונאָמען וואָס רעמבאָ האָט אים געגעבן. ווידער געפינט ער אַ גרויסן אָפּקלאַנג. ער פאַרנעמט זיך מיט אויפקלערן די אינטימקייט פון זיין מעטאָד און ביי דער געלעגנהייט ציטירט ער די בעסטע פון זיינע פּאָעמעס, בעיקר פון זיינע "ראָמאַנסן אָן ווערטער", וואָס זיינען ביז איצט געווען אַרויסגעגעבן בלויז פּריוואַט. דער יונגער דור האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים מיט דרך ארץ. און אפשר, האָבן זיי געטראַכט ווי שוין אויבן דערמאָנט, איז די דאָזיקע אומגעלומפּערטע בריה אַ גרויסער פראַנצויזישער פּאָעט, אַ מין מאָדערנער פראַנסואַ וויאָן? אפשר איז ער גאָר דער גרעסטער פראַנצויזישער ליריקער??

ווערלען האָט געשריבן וועגן טריסטאַן קאָרביער, וועגן מאַלאַרמע, וועגן דער דיכטערין Marceline Desbordes Valmore. סוף כל סוף הויבט ער זיך אָן דורכצוזעצן. זיין לידער־זאַמלונג גאַלאַנטע יום־טובים פון יאָר 1869 ווערט אויפסניי שטאַרק געלויבט. דעם 17־טן יאַנואַר 1881 שרייבט אים מאַלאַרמע: „...מיין טייערער, די 'גאַלאַנטע יום טובים' זענען אַן אייביקע צירונג".

אָט איז דאָס ערשטע ליד פון Fêtes galantes:

לבנה־שיין
CLAIR DE LUNE

אייער נשמה — אַ פֿאַרצויבערטער פּייזאַזש,
וווּ ס׳גייען אום שאַרמאַנטע מאַסקעס,
וואָס שפּילן און וואָס טאַנצן אַ טשאַרדאַש
טרויעריק פֿאַרשטעלטע פֿאַנטאַסטן.

זיי זינגען אויס אויף אַ מינאָרן טאָן
די זיגנדיקע ליבע, דאָס לעבן און דאָס זיין,
זיי גלויבן נישט, זעט אויס, אין זייער אייגן גליק
און זייער ליד גייט אויס אינעם לבנה־שיין.

אין שטילן טרויעריקן שיין פֿון דער לבנה
וואָס מאַכט חלומען די פֿייגל אין דיביימער
און כליפּען די פֿאָנטאַנען אין עקסטאַז,
די גרויסע שפּרינג־ברונעמס צווישן מירמל־שטיינער.

אָבער אין איין שײנעם אין דערפרי האָט ער, אומקערנדיק זיך אַהײם אַ טויט שכורער פון אַ נאַכטלעכער אָרגיע, אַנטפּלעקט װי דורך אַ בליץ די גאַנצע מיאוסקייט אין װעלכער ער איז אַרײנגעפאַלן. אַן שום שהיות פּאַקט ער די טשעמעדאַנען און קויפט װידער אַ פאַרם, כדי צו לעבן אַ רואיק באַלעבאַטיש לעבן אין דאָרף קולאָם. װערלען בלייבט דאָרט אַן ערך אַנדערטהאַלבן יאָר. ער װערט דורך די דאָרטיקע תושבים נישט גוט אויפגענומען.

אין מערץ 1885 פאַרקויפט ער די פאַרם מיט אַ גרויסן פאַרלוסט און לאָזט אויס זיין פאַרביטערט האַרץ צו דער אַלטער מוטער. זי האָט זיך באַפרײנדעט מיט אַ שכן מיטן נאָמען ד אַ ן אַ ן אין אײנער אַ נאַכט, װען װערלען איז געװען באַזונדערס אומרואיק, האָט די אומגליקלעכע פרוי אײנגעפּאַקט אירע זאַכן און האָט זיך באַהאַלטן בײם שכן. װען װערלען האָט געפונען דאָס הויז ליידיק, איז ער אַוועק צום שכן און האָט געסטראַשעט די מוטער, אַז ער װעט זיך אָדער זי הרגענען. דער שכן האָט גערופן פּאָליציי און װערלען איז װידער אַרעסטירט געװאָרן. דאָס געריכט באַשטראָפט אים מיט אַ חודש תפיסה און אַ געלטשטראָף, װאָס פרוי װערלען האָט געדאַרפט באַצאָלן. די תפיסה קומט ער אָפּ פונעם 12־טן אַפּריל ביז דעם 19־טן מאַי 1885 דאָס איז געװען װערלענס צװייטע תפיסה־שטראָף.

ער איז איצט אַלט איבער פערציק יאָר. אין תפיסה ברענגט ער אין אָרדענונג זײנע פּאַפּירן און שטעלט צונויף אַ באַנד לידער: "Jadis et Naguère" (פאַרצייטנס און לעצטנס). װען ער קומט צוריק קיין פּאַריז, לויפט ער תיכף צו אַן אַרויסגעבער, לעאָן װאַניע, װעלכער קויפט בײ אים אָפּ דעם מאַנוסקריפּט.

דער זעלבער פאַרלעגער האָט אים שפּעטער אַרויסגעגעבן זײנע Romances sans paroles (ראָמאַנסן אָן װערטער), זיין לידערבוך

Sagesse (חכמה) און נאָך דריי אַנדערע זאַמלונגען פון זיינע ערשטע לידער. מיט יעדן נייעם בוך איז געוואַקסן דעם דיכטערס אָנזען און דער קרייז פון זיינע לייענערס און פאַרערערס. וואָלט ווערלען געהאַט אַן אַנדער כאַראַקטער, וואָלט ער געווען אַ געלאַסענער און אַ גע־זעצטער, וואָלט ער זיך אפשר געקענט אויסבעסערן און וואָלט געקענט לעבן אַ רואיק לעבן און געניסן פונעם רום און פון די פאַרדינסטן וואָס ער האָט איינגעזאַמלט פון זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן אין די פאַר־שידענע צייטשריפטן און פונעם פאַרקויף פון זיינע ביכער. אָבער ווערלען האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כח צו ענדערן זיין אומ־גליקלעכן לעבנס־שטייגער. אין יאָר 1886 איז געשטאָרבן זיין מוטער, דער איינציקער מענטש וואָס האָט אים נאָך אין אַ געוויסער מאָס גע־קענט צוימען, כדי ער זאָל אינגאַנצן נישט אַריינפאַלן אין תהום פון פאַרדאָרבנקייט. נאָך איר טויט האָט ער זיך געוואַלגערט פון איין שמו־ציקן מעבלירטן צימער אין אַנדערן און פלעג מייסטנס געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ אין פאַרשידענע שפּיטעלער, וואָס פלעגן עפענען פאַר אים די טירן דאַן ווען ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין פּרוטה ביי דער נשמה; און טאַן פלעגן זיי עס אויף די רעקאָמענדאַציעס פון ווער־לענס איינפלוסרייכע אונטערשטיצערס.

מיט דער צייט האָבן זיך ווערלענס באַציונגען צו זיינע פריינד אָפּגעקילט. ער האָט זיך אפילו דערווייטערט פון זיין אַלטן פריינד לעפּעלטיע. אַ סך פון זיינע גוטע פריינד האָבן אים פאַרלאָזט צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט צווייפלהאַפטע פרויען. ווערלען איז געפאַלן אַלץ מער, געוואָרן גראָב און קריגעריש געשטימט. ווי מיר זעען איז די לעגענדע פאַל ווערלען נישט זייער באַטעמט. ער האָט געדאַרפט זיין תמיד שכור, תמיד נאַכגעלאָזן, אָן בושה, נאַיוו און רעליגיעז. עס איז געווען מאָדנע. וואָס מער ער האָט געמוזט לעבן אין דחקות

און אין שמוץ, אַלץ מער האָט ער געבענקט נאָך ריינקייט און נאָך באַלעבאַטישקייט. ער האָט געדאַרפט פּראָוואַצירן דעם בורזשוא. און צומאָל האָט ער גענומען זיין פען און איז דערגאַנגען מיט איר צו דער דינסטער מדרגה פון סענסיטיוויטעט. אין 1891 פאַרעפנטלעכט ווערלען "Mes Hôpitaux" (מיינע שפּיטעלער). עס איז אַ הומאָריסטיש ווערק, פול מיט רמזים, מוטיק. דאָס בוך איז געשריבן אידיאָמאַטיש, פאָלקסטמילעך.

ער האָט דערפאָלג. און דאָך האָט זיך געשאַפן אַ מין ווידערשפּרוך צווישן זיין וואַקסנדיקן שם אַלס פּאָעט און זיינע האַנדלונגען אַלס מענטש. און זיין טאַלאַנט איז אגב אויך נישט געשטאַנען אויף דער־זעלבער מדרגה ווי אין זיינע יונגע יאָרן.

מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז ווערלען איז נישט געווען קיין באַנייער, יעדנפאַלס נישט באַוווסטזיניק. די נייע שטרעמונגען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור זיינען געקומען פון דרויסן: וואַגנער, עדגאַר פּאָ, און אַנדערע. ווערלען האָט זיך אפילו דערלויבט אָנצו־רופן די סימבאָליסטן מיטן נאָמען „צימבאַליסטן". אָבער מיט זיינע קריטישע עסייען איבער די „פאַרשאָלטענע פּאָעטן" איז ער מיט איין מאָל אַוועקגעזעצט געוואָרן ביי דער מזרח־וואַנט אינעם ליטעראַרישן פּאַלאַץ. ווערלען האָט זיך פלוצעם דערזען אין דער גלאַנצנדיקער געזעלשאַפט פון קאָרביער, רעמבאָ, מאַלאַרמע, ווילִיע־דע־ליל־אַדאַן.

מען קען נישט זאָגן אַז ווערלען האָט זיך געפילט באַקוועם אין דער ראָל פון אַן אָנפירער פון אַ נייער שיטה. ער האָט נישט געפילט, אַז ער איז מסוגל צו זיין אַן אָנפירער פון אַ ריכטונג. פון דעסטוועגן האָט ער דאָך מקיים געווען די מצוות וואָס די סימבאָליסטן האָבן צו זיי געשטרעבט, דהיינו אינטימקייט און אַלוזיע. ער האָט געלעבט פון זיינע אויפטועון אין דער פאַרגאַנגענהייט. דעם פונק פון זשעני האָט

ער דערטרונקען אין אַבסינט־געטראַנק און די וועלט וואָס האָט אים פלוצעם דערקענט האָט דערוואָרט פון אים ווערק פון דעם אַרטיס־טישן כוח ווי אין זיינע יונגע יאָרן. ער האָט געקיניגט אין קאַפע „פראַנסואַ פרעמיע", אָבער טעאָרעטיזירן, אָנפירן מיט סטריקטע פאָעטישע געזעצן, דאָס איז זיכער נישט געווען זיין אופן. שאַפן נייע שולעס, נייע ריכטונגען, דאָס איז נישט געווען זיין דרך. אויף דעם אופן האָט זיך דער ליטעראַרישער עולם אָנגעהויבן אומקוקן נאָך אַן אַנדערן מייסטער און האָט זיך צוגעווענדט צו מאַלאַרמע, צו רעמבאָ וועלכער האָט זיך געוואַלגערט ערגעץ אין ווייטן מזרח. די נייע ריכטונג האָט מען אָנגערופן דעקאַדענט אָדער סימבאָ־ליסטיש אונטער דער אָנפירונג פון מאַלאַרמע. אַנדערע זיינען נאָכגעגאַנגען ניטשען, שאָפּענהאַוערן, איבסענען און רעמבאָן. רענע גיל האָט געפּרוווט גרינדן אַ נייעם מעטאָד לויט רעמבאָס וואָקאַלן ליד. לאַפאָרג און גוסטאַוו קאַהן האָבן געשעפּט פון רעמבאָס „דער־לויכטונגען" און פון באָדלערן. יעדער פון די יונגע האָט געהאַט זיין מייסטער. ווערלען איז כמעט געבליבן אַליין.

שאָפּענהאַוער נודיעט מיך אַ ביסל,
הגם ער איז אַן אַפּיקורס.
איך פאַרשטיי נישט קיין אַנאַרכיזם
און איך האַלט נישט איבסענען פאַר אַ גאָט.

די סימבאָליסטן פון יעדער שאַטירונג האָט פאַרבונדן דער פאַקט וואָס זיי האָבן אַלע געהערט צום פּאָסט־ראָמאַנטיזם. זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעווענדט פון ראָמאַנטיזם, כדי צו זוכן אַ נייעם אמת אָדער, לכל הפחות, אַ נייעם וועג. אָבער, ווי עס זאָגן די פראַנצויזן: Plus ça

change plus c'est la même chose (וואָס מער עס בייט זיך, אַלץ מער איז עס די זעלבע זאַך..!).

וויקטאָר הוגאָ, וואָס זיינע דערגרייכונגען דאַרף מען זוכן אין די אָנהויבן פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיק, איז צום סוף דער־גאַנגען צו זיין La Légende des Siècles (די לעגענדע פון די יאָר־הונדערטער). ער האָט געשעפּט פון אַ סך קוואַלן, אפילו פון דער קבלה. זיינע דיכטונגען זיינען פול מיט רמזים און סימבאָלן, הגם ער האָט זיך נישט מתכוון געווען צו קיין סימבאָליסטישער תורה.

ווערלען האָט אפילו נישט געהאַלטן פון פרייען פערז, ווי שוין אויבן דערמאָנט. פון דעסטוועגן האָט דער יונגער דור געזען אין אים דעם מחבר פון אַ טייל פון די בעסטע פראַנצויזישע פּאָעמעס. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מאָדנער ליטעראַרישער פיגור. ער איז געווען אָרעם ווי אַ בעטלער און ער האָט געהאַט זיין אופן פון בעטלען.

פאַרשידענע מענטשן האָט ער געווידמעט לידער, ער האָט פאַר־קויפט איין מאַנוסקריפּט צו צוויי פאַרלעגערס וכדומה.

מיין רעכטע האַנט איז אויף מיין רעכטער זייט,
די אַנדערע אויף דער לינקער, אָ, איך בין אַליין,
די וועש אין מיין ענגער שטוב זעט אויס ווי תכריכים,
אין דרויסן דער ווינט ווייעט אָן הפסקה,
איינגעשפּאַרט נידערט דער אָוונט...
אָ! אויב דאָס זיינען ווענט פון חלום
נאָך בעסער — נאָך ערגער — אָדער נאָך בעסער.

**
*

פאַרשטייט זיך, אַז גלייכצייטיק מיט זיין מענטשלעכן באַרג אַראָפּ איז אויך געגאַנגען באַרג אַראָפּ זיין גרויסער דיכטערישער טאַלאַנט. די ביכער וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די אַכציקער יאָרן זענען באַשטאַנען מערסטנטייל פון די לידער וואָס ער האָט געשריבן אין זיינע פריערדיקע גוטע טעג, אַזוי איז די לידער־זאַמלונג Jadis et Naguère וועלכע נעמט אַרום לידער וואָס ער אַליין האָט פריער געפּסלט. דאַסגלייכן דאָס בוך לידער Amour (ליבע), אין וועלכן ס׳גייען אַריין לידער געווידמעטע דעם אָנדענק פון ליסיען ליטינואַ און דאָס לידער־בוך Parallèlement וואָס אַנטהאַלט לידער געשריבענע אונטער דער השפעה פון זיין זינדיקן לעבן אין דער געזעלשאַפט פון אַרטור רעמבאָ, צוזאַמען מיט אַנדערע לידער געשריבענע אין דער תקופה ווען ס׳איז ביי אים פאַרגעקומען די רעליגיעזע איבערקערעניש ווי אויך נאָך אַנדערע שאַפונגען.

און דווקא אין די טעג פון זיין דיכטערישער ירידה האָט זיך אויפגעוועקט אַ גרויסער אינטערעס פאַר ווערלענס זשעני. די ליטעראַרישע יוגנט פלעגט אים נאָכגיין כדי צו הערן זיינע רייד אומעטום ווו נאָר זי האָט אים געקענט געפינען: אין די קאַפעס אָדער אין צווייפלהאַפטע מקומות און אפילו אין די שפּיטעלער, ווו ער פלעגט זיך אָפט געפינען. ווערלענס שאַפונגען האָבן אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכט ווערן איבערגעזעצטע אין פאַרשיידענע שפּראַכן און זיין רום האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. אָבער ווערלענס גרויסער נצחון איז געווען אין יאָר 1894. אין דעם יאָר איז געשטאָרבן לעקאָנט־דע־ליל וועלכער איז דעמאָלט באַטראַכט געווען ווי אַ מין „קעניג פון די פּאָעטן״. די צייטשריפט La Plume האָט פאַרגעשלאָגן אויסצו־

קלייבן זײַן כּאַרטרעטער צווישן די באַקאַנטע דיכטערס. און מיט אַ מערהייט שטימען איז אויסגעוויילט געוואָרן פּאָל ווערלען.

מיט דעם דאָזיקן אויסוויילן אים האָט די ליטעראַרישע יוגנט, וואָס איז געווען דער רוב פון די וויילערס, אויסגעדריקט איר פולע אָנערקענונג דעם פּאַרשטויסענעם דיכטער. צי איז אָבער ווערלען געווען גליקלעך פון דעם דאָזיקן אויפשטייג זײַנעם? אַ סך עדותן באַווייזן, אַז ער איז גראָד — פּונקט פאַרקערט — געווען שטאַרק דערשלאָגן און זיך געפילט שרעקלעך איינזאַם צוליב זײַן מוראדיקער אָרעמקייט און ווײַל זײַנע פרײַנד האָבן זיך פון אים דערווייטערט אָבער דער עיקר צוליב דעם וואָס ער האָט געפילט ווי ווייט ס'איז געפאַלן די קוואַליטעט פון זײַן שאַפן. וועגן דעם דערציילט אַדאָלף רעטע, וועלכער פלעג באַזוכן דעם דיכטער אין זײַנע לעצטע יאָרן און אים כסדר געפונען אין אַ מצב פון שטאַרקער דערשלאָגנקייט. רעטע פלעג פאַר אים לויבן זײַנע פריערדיקע שאַפונגען כדי אים אַ ביסל צו מונטערן און האָט אים געזאָגט, אַז פריער האָט ער געשאַפן פאַר דער הנאה פון אונדז אַלעמען און איצט איז געקומען די צייט ער זאָל שאַפן פאַר זײַן אייגענער הנאה. ווערלענס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט און ער האָט געענטפערט: „צי מיינט איר, אַז דאָס דאָזיקע שרײַבן פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן?"

אין 1891 איז געשטאָרבן אַרטור רעמבאָ. ווערלען האָט נאָך באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן זײַנע ווערק. מע דערציילט, אַז דעם טאָג ווען ער איז געשטאָרבן, האָט רעמבאָ געלייענט דאָס בוך Sagesse פון ווערלענען. דער טויט פון רעמבאָ האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט ווער־לענס דערשלאָגנקייט. אַ גרויסער טייל פון זײַן לעבן איז אַוועק מיטן טויט פון רעמבאָ.



Paris le 2 [illegible]

Cher Monsieur,

Ceci est une carte de visite. Excusez mon immense retard. J'ai eu tant de tuiles et de ~~[illegible]~~ contrariétés! Vous saurez.

Nous allons reprendre notre correspondance. Moi, malade au lit d'un rhumatisme articul. aux jambes, j'aurai plus [illegible]

Vous, abondez, pleuvez!

Et vous de cœur

P. Verlaine

[illegible]

Mon adresse, 6, Cour St François, rue Moreau, Paris.

ווערלענס אַ בריוו צו גוסטאַוו קאַהן

ווערלען און דער סימבאָליזם

אַ בייער אמת איז, לויט ווערלענען, אַריינגעקומען לעצטנס אין דער ליטעראַטור און אין דער קונסט. דאָס איז אַן אמת, אינגאַנצן אַ מעטאַפיזישער און אַן „אַ פּריאָרי" אין דער דערשיינונג. אַן אמת דורכויס יונג, ווייל ער איז אַלט נישט מער ווי אַ יאָרהונדערט, דער דאַזיקער אמת, אַ ווונדערלעך באַפרייענדיקער און באַנייענדיקער — דאָס איז דער פּרינציפּ פון דער אידעאַלקייט פון דער וועלט. אַ פּרינ־ציפּ אַ באַנייענדיקער, ווייל דער מענטש איז אַ דענקענדיקער סוב־יעקט און אַלץ וואָס איז מחוץ פונעם „איך" עקזיסטירט אפשר בלויז דורך דער אידעע וואָס ער מאַכט זיך דערפון. מיר קענען נאָר די פּע־נאָמענען, מיר רעזאָנירן נאָר איבער דערשיינונגען. דער גאַנצער אמת, דער פולער, אַנטרינט פון אונדז. דער תמצית איז נישט צו דערפאַרשן.

עס איז זייער שווער צו געבן אַ גענויע דעפיניציע פונעם באַגריף סימבאָליזם. יעדעם וואָרט איז אַ סימבאָל, אַ צייכן פון זאַכן אָדער אַ סימבאָל פון דער מיינונג וואָס די דאָזיקע זאַכן באַדייטן. דאָס וואָרט דריקט אויס פשוטע, געוויינטלעכע זאַכן אָדער טעאָריעס, אידעען, אַלעגאָריעס, אַזוי אַז דאָס וואָרט פאַר זיך קען האָבן אַ פאַרשידענע באַדייטונג. עס האַנדלט זיך אין דעם אין וואָס פאַראַ צוזאַמענהאַנג דאָס וואָרט ווערט באַנוצט. למשל, ווען מען זאָגט „גיב מיר די האַנט",

מיינט דאָס עפּעס אַנדערש ווי „מיט שטאַרקער האַנט”, ווו האַנט, אין דעם פאַל, מיינט מאַכט.

די צוויי וויכטיקסטע עלעמענטן פון דעם באַגריף „סימבאָליזם” זיינען אינטימקייט און רמז, אַלוזיע. באַדלער האָט אין זיין פּאָעמע „קאָרעספּאָנדענצן” (שייכות) פּשוט געזאָגט, אַז דער מענטש גייט אַרום אין אַ וואַלד פון סימבאָלן... די שוועריקייט נעמט זיך אויך פון דעם וואָס דער סימבאָליזם באַשטייט פון אַ צאָל פאַרשידענע טענדענצן: דער זין פונעם טיפן לעבן פון גייסט, אַ געוויסע אינטואיציע וועגן דער מיסטעריע פון דער עקזיסטענץ און דער פענאָמען פון „יענער וועלט”. אַ נייער ווילן אַרומצונעמען די פּאָעזיע אין איר תמצית, באַפרייענדיק זי פון דידאַקטיציזם און פון עמאָציאָנעלער סענטימענטאַליטעט. אינטעלעקטועלע אינטואיציע מיינט: אינטעלעקטועלע אינטואיציע וואָס דערגייט צו אַ מין סעקולערן מיסטיציזם. דאָס אַלץ איז סימבאָליזם און נאָך מער. שוין דאָס וואָרט סימבאָל איז אַ רמז אויף דעם וואָרט וואָס איז סוגעסטיוו, אַן אַנדייט וואָס גיט זיך נישט לייכט איין צו פאַרטייטשן.

אין זיינע „מאָנטיק־שמועסן” (Causeries du Lundi) ציטירט סענט בעוו (Sainte Beuve) פון דעם ווערטערבוך פון דער אַקאַדעמיע, דאָס וואָס ווערט דאָרט געזאָגט: אַ זייער אָנערקענטער אַנטיקער שרייבער וואָס איז אַן אויטאָריטעט אין יעדן געביט מיט וועלכן ער פאַרנעמט זיך, דאָס איז אַ דעפיניציע פון אַ קלאַסישן שרייבער, לויטן 17־טן יאָרהונדערט. אין אַכצנטן יאָרהונדערט ווערט די דעפיניציע פּרעציזער, דהיינו: קלאַסישע אויטאָרן זיינען יענע וואָס זיינען געוואָרן מאָדעלן אין וועלכער שפּראַך עס זאָל נישט זיין, דאָס הייסט אַזעלכע וואָס דריקן אויס „מאָדעלן” לויט פיקסירטע געזעצן פאַר קאָמפּאָזיציע און נוסח, שטרענגע געזעצן צו וועלכע יע־

דער מחבר מוז זיך צופאַסן...*

די דאָזיקע דעפיניציע איז געמאַכט געוואָרן דורך חשובע אַקאַ־דעמיקער כדי זיך צו באַוואָרענען אַנטקעגן דעם שונא... „דער שונא" — דאָס האָט בשעתו געמיינט דער ראָמאַנטיזם, וואָס האָט זיך שוין געפונען אין זיינע געבורט־ווייען...

„איך וואָלט אַנגערופן אַ קלאַסיקער", זאָגט סענט בעוו, „אַ מחבר וואָס האָט באַרייכערט דעם מענטשלעכן מוח, באַרייכערט זיין אוצר און איז פאָרויסגעגאַנגען אַ שריט... און וואָס האָט אַנטפּלעקט אַ מאָראַל און אַן אמת וואָס מען קען וועגן זיי נישט צווייפלען..."

דערפון איז צו פאַרשטיין, אַז דער קלאַסיציזם איז אַ מין יסוד פאַרן אידעאַליזם בעת דער ראָמאַנטיזם וואָס האָט נישט געקוקט אויף אַלע וואָרענונגען, זיך נישט געלאָזט אויפהאַלטן, האָט געמיינט געפיל און אַקציע; דער סימבאָליזם אָבער איז זינלעכקייט וואָס איז גורם צו וויטאַליטעט, צו מוזיקאַלישקייט, צו רמז און אינטימקייט. רמז, צו וואָס? צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַלץ וואָס איז פאַראַן אין לעבן, אויסגעדריקט מיט אַ רמז, נישט דירעקט נאָר מיט אַן אַלוזיע, מיט אַן אַנדייט, סוגעסטיוו און אינטים.

דער פּרווו צו דעפינירן סימבאָליזם האָט אַרויסגעבראַכט אַ צאָל ביכער, טראַקטאַטן, מאמרים, און אין יעדן ווערן בעיקר אונטער־געשטראָכן די צוויי הויפּט־עלעמענטן: אינטימקייט און רמז. אינטימ־קייט און רמז, דאָס הייסט סוגעסטיע, איז, ווי, מיר ווייסן, פאַראַן אין יעדער גוטער פּאָעזיע, אָבער די סימבאָליסטן האָבן דאָס דערהויבן צו אַ דאָקטרין. דעריבער איז, נישט קוקנדיק דערויף וואָס דער סימבאָליזם

* אינטערעסאַנט איז וואָס די דעפיניציע איז נישט קיין דירעקטע. עס הייסט נישט: קלאַסיציזם מיינט... נאָר — קלאַסישע אויטאָרן...

אין פראַנקרייך איז געגרינדעט געוואָרן דורך פרעמדע (גוסטאַוו קאַהן, עדגאַר פּאָ, א.א.), האָט ער דאָך פאַרמאָגט אַ קוואַליטעט וואָס האָט באַרעכטיקט דעם באַגריף „פראַנצויזישער סימבאָליזם".

סימבאָליזם אין דער מאָדערנער באַדייטונג פונעם וואָרט פאַר־נעמט זיך בעיקר מיט פּאָעזיע, מיט פּאָעטישן אויסדרוק, צוליב דעם שטרעבן צו אַרטיסטישער שאַפונג, אָן שום זייטיקע כוונות. אויף דעם אופן זאָגט זיך דער סימבאָליזם אָפּ צו דינען סאָציאַלע, פּראָפּאַגאַנ־דיסטישע און אַנדערע, נישט קינסטלערישע צילן. מיר וועלן שפּעטער זען, אַז דאָס וואָרט L'Art pour l'Art מיינט נישט דווקא „קונסט פאַר קונסט". דער סימבאָליזם זאָגט זיך אָפּ צו זיין געבונדן צו וועלכע נישט איז ליטעראַרישע אָדער אַנדערע קאָנווענציעס. ער האָט אַ מין מיסטישע באַדייטונג מיט אַ פאַרבאָרגענעם זין. עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז די אומזיכערע קאָנטורן פון סימבאָליזם ווי אַ ליטע־ראַרישע באַוועגונג זיינען אין דערזעלבער צייט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פילאָזאָפיע פון דער קונסט, נישט קוקנדיק אויף דער מאַסע קריטיקער און אויף דעם וואָס יעדער פּאָעט האָט געטייטשט סימ־באָליזם אויף זיין אופן. פון דעסטוועגן האָט דער סימבאָליזם אַ דויערנ־דיקע השפּעה, וואָס ציט זיך פון רעמבאָס „דערלויכטונגען" (Illumina-tions) ביז צום היינטיקן טאָג.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס טעאָרעטיזירן איז נאָך אַלץ אַ ירושה פון באָדלערן און גלייכצייטיק האָלט עס אָן אַ חשובע טראַדיציע פון מיס־טיציזם, וואָס נעמט זיך פון אַ פונדאַמענטאַלער אָפּשאַצונג פון דער דייטשישער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע. מען קען אפילו זאָגן אַז דאָ איז געווען נישט איין ליניע, נאָר אַ רעגנבויגן פון פאַרבן. חוץ די פילאָזאָפן — טאָלסטאָי, איבסען, וויטמאַן, וואַגנער. פון ענגלאַנד — מסתמא בלייק און שפּעטער יעיטס און אַנדערע. פאַראַן אַזוי פיל

דעפיניציעס וועגן סימבאָליזם וויפל עס זיינען פאַראַן שרייבערס וואָס זאַמלען זיך אַרום דער דאַזיקער פאָן. מען איז אָבער נישט מיד געוואָרן צו פאַרזיכערן, אַז יעדער סימבאָליסט איז אַ מיסטיקער און אַז דער סימבאָליזם איז נישט אונטערגעוואָרפן קיין שום דאָקטרין. יעדער פּאָעט האָט זיך אַליין אויסגעשמידט זיינע כלי זין, מיט וועלכע ער איז געגאַנגען אין קאַמף. דער אמת איז, אַז דער דור אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן האָט געזוכט אויסצוגעפינען אַ נייעם צוגאַנג צום פּאָעטישן שאַפן.

דאָס וואָרט וואָס ווערט באַנוצט פאַר איראַציאָנאַלע אַרטיסטישע אָדער פּאָעטישע צילן, — איז קודם כל סימבאָל. דאָס וואָרט דריקט אויס אַן אַבסטראַקטע אידעע, דאָס הייסט — עס דריקט אויס עפּעס וואָס איז נישט קלאָר. אַזוי אַ שטייגער ווען מיר זאָגן: דער מענטש איז אַ גבור, מיינט דאָס אַ סימבאָל אין אַ סימבאָל. ס׳זיינען פאַראַן טראַדיציאָנעלע סימבאָלן און אַזעלכע וואָס די פּאָעטן סימבאָליסטן האָבן געשאַפן. דער באַהאַוונטער מחבר וועט זיך באַנוצן מיט טראַדיציאָנעלע סימבאָלן. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אונדזער „כותל״ וואָס איז פאַר אונדז מער ווי אַ סימבאָל פון אַ היסטאָרישער רעאַליטעט, איז פאַר וויליאַם בלייק געוווען אַ סימבאָל פאַר פּאָעטישער אילוזיע. „איך גיב דיר דעם עק פון אַ גאָלדענער שנור, נאָר וויקל עס אין אַ קנויל, עס וועט דיך פירן צו די טויערן פון הימל, וואָס איז געבויט אין דער וואַנט פון ירושלים״.

I give you the end of a golden string
Only wind it into a ball
It will lead you in at Heavens Gate
Built in Jerusalem's Wall.

דאָס איז אַ טראַדיציאָנעלער סימבאָל, וואָס חזרט זיך איבער אין דער אַנטיקער ליטעראַטור ביי פּלאַטאָ, ביי דאַנטע, ביי פּילאָ, און אפילו ביי די הינדוסן (די מופּאַנישאַדס); אָדער אַ וואָרט ווי „דער פייער־וואָגן פון טראַכטן" (מרכבת האש).

בילדער פון תנ"ך טרעפט מען אויך אין אַנדערע ווערק פון דער אַנטיקער ליטעראַטור. דער סימבאָליזם אַלס ליטעראַרישע באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ מאַניפעסט אין „פיגאַראָ" אין יאָר 1886, פאַרעפנטלעכט דורך אַ גרופּע שרייבערס, וואָס זיינען ביז דעמאָלט באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען דעקאַדענטן.

די סימבאָליסטן האָבן געשטרעבט דערצו אַז די ווערטער זאָלן מרמז זיין אויף דעם צושטאַנד פונעם גייסט, סימבאָליסטישע פּאָעזיע דאַרף געשטאַלטיקן די אידעע אויף אַ זינלעכן אופן; אַלע קאָנקרעטע פענאָמענען זיינען פּשוטע זינלעכע דערשיינונגען, באַשטימט צו רעפּרעזענטירן זייערע געהיימע שייכותן מיט אַנטיקע אידעען.

די דאָזיקע באַוועגונג גייט צוזאַמען אין דער מאָלעריי און מוזיק מיטן אימפּרעסיאָניזם און מיט דער פילאָזאָפיע פון אונטערבאַוווסט־זיין, וואָס דריקט אויס דעם אידעאַליזם פון 18־טן יאָרהונדערט, ד.ה., זי איז אַ פּרוכט פונעם ראָמאַנטיזם.

עס זעט אויס, אז דער מענטשלעכער גייסט וואָס חלומט אויף דער וואָך, איז מסוגל צו אויטאָנאָמער יצירה וואָס באַשאַפט מעשהלעך, געשטאַלטן, אימאַזשן, וואָס עס פילט זיך אין זיי די פּראָיעקציע פון די טיפענישן פונעם „איך".

דער דאָזיקער באַגריף „שייכותן" (קאָרעספּאָנדענצן), אין וועלכע דער פּאָעט דריקט אויס און געשטאַלטיקט זיינע אימאַזשן, מאַכט דעם צושטאַנד פון אימאַזשינערן שאַפן נאָך גאַנץ רוי. דעריבער קען מען זאָגן, אַז יעדע מעשהלע, יעדע פאָרשטעלונג פון אימאַזשן, וואָס קען

דערגרייכן צום באַוווסטזיין, ווען זיך אויסבויען אין סימבאָלן. דער אויטענטישער סימבאָל נעמט זיך דירעקט פונעם גייסט אין אַ פאָרם וואָס איז נאַטירלעך באַשאַפן. אַזעלכע סימבאָלן, וואָס זיינען וועזן, קאָנען האָבן, ווי שוין אויבן דערמאָנט, אַ פאַרשידענע באַדייטונג.

וויפל פרעמדע אויטאָרן עס זאָלן נישט האָבן משפּיע געווען אויף דעם פראַנצויזישן סימבאָליזם, איז אָבער דאָס אַריינפירן וואָלט וויט־מאַנען אין דער פילפאַרביקער חברה באמת שווער צו פאַרשטיין. ווי אַזוי האָבן די היפּער־ראַפינירטע סאָפיסטיקער געקענט געפינען ענ־לעכקייטן צווישן זייער אופן זען די וועלט, הערן אירע קלאַנגען, וואָס זיינען אָפּטמאָל דערגאַנגען ביז צו „שווייגן" — ווי אַזוי זיינען זיי דערגאַנגען צו די ראַפּסאָדיעס, דעקלאַמאַציעס פון דער אַמעריקאַנער זינגער — און זיך אידענטיפיצירט מיט אים? דאָס איז באמת אַ חידוש. מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז יעדער פון די פּאָעטן האָט געהאַט זיין אייגענעם סימבאָליזם. מען קען, למשל, נישט לייקענען, אַז וויל־יאַם באַטלער יעיטס איז געווען אַ סימבאָליסט, ער האָט אָבער געזויגן די זאַפט פון זיין אירלענדישער ערד. אַזוי האָט וואָלט וויטמאַן, זייענדיק אַ זון פון אַמעריקאַנער באָדן, גלאָריפיצירט אַלץ וואָס איז געווען אַמע־ריקע. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיינע מאָנסטרואָזיטעטן באַגרינדעט מיט דעם „ווייל ער איז אַ ריז; אויב דאָס איז נישט קונסט, איז עס מער, עס איז דאָס לעבן..." די נאַיווע אָריגינאַליטעט האָט די סובלימע פראַנצויזישע טעאָרעטיקער פאַרכאַפּט. אפשר איז דאָס געווען דער היפּוך צו זייער גאַנצן פאַרנעם פון בערך 25 יאָר, און דעריבער האָט עס געהאַט אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף זיי. און אפשר האָבן זיי נישט אַלץ פאַרשטאַנען און אַ סך געמוזט טרעפן. טעאָדאָר דע־וויזשעוואַ — איינער פון די וויכטיקסטע קריטיקערס פון יענער צייט — לייקנט בכלל אָפּ יעדע השפּעה פון אַמעריקע אויפן סימבאָליזם אין פראַנק־

רייך. אַלס טעאָרעטיקער האָט וויטמאַן זיך פאַרלאָזט אויף עדגאַר אַלען פּאָ, וואָס האָט גערעדט וועגן דער אומדעפינירנבאַרקייט פון פּאָעזיע. מאַלאַרמע און אַוודאי ווערלען האָבן דערמיט מסכים געווען... „איך שרעק זיך נישט, זאָגט וויטמאַן, אויב מען באַשולדיקט מיך אַז אַ טייל פון מיינע שאַפונגען איז פאַראַן טונקלקייט, אומפאַרשטענדלעכקייט, ווייל דער מענטשלעכער געדאַנק מוז האָבן געוויסע ווענטילן. פּאָעזיע, אָדער מעלאָדיע מוז האָבן אַ פליסנדיקן כאַראַקטער. אַזוי ווי דער רוים אַליין, וואָס נאָר יענע וואָס פאַרמאָגן נישט קיין דמיון, קאָנען דאָס נישט באַגרייפן... פּאָעטישער סטיל ווענדט זיך צו דער נשמה, און איז אין דער פאָרעם ווייניקער דעפיניטיוו ווי ס׳איז סקולפּטור. ווייל ער ווערט וויזיע, מוזיק אין טענער, האַלב־טענער, אומפאַרשטענדלעך נאָר פאַר יענע בלויז מיט ווייניק אָדער מיט גאָר קיין פאַנטאַזיע נישט... אמת, אַזוי קען אויך זיין אַרכיטעקטור אָדער אַ וואַלד פון ווילדהאָלץ. און דער בעסטער עפעקט דערפון איז אין בין־השמשות, די דעמבעס און צעדערן * אין ווינט, און דער אומבאַשרייבלעכער ווינט...״

אַזעלכע דערקלערונגען קענען זיין פאַרפירעריש פאַר ווערלענען. דאָס איז פאַרשטענדלעך נעמענדיק אין חשבון אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן אים.

מאַלאַרמעס התפעלות איז ווייניקער פאַרשטענדלעך, סיידן דאָס פּרעמדאַרטיקע וואָס האָט אים געצויגן. ער איז דער מחבר פון L'Après midi d'un faune. פון דער אַנדערער זייט, ווייסן מיר אויך, אַז ווערלענען איז דער פרייער פערז (vers libre) נישט געווען שטאַרק

------

* אגב, זיינען צעדערן כמעט סטאַטיש און באַוועגן זיך קוים אין ווינט.

צום האַרצן. דאָס איינציק שותפותדיקע איז געווען וואָס זיי האָבן אַלע געהערט צו דער פאָסט־ראָמאַנטישער תקופה.

די צוויי הויפּטשטריכן פון די סימבאָליסטן — רמז און אינטימ־קייט — ביי מאַלאַרמע אפשר נאָך אַ נטיה צו עזאָטעריזם, צו סודות־דיקייט, ווי אַזוי דערגייען זיי צום קרעפּטיקן אַמעריקאַנער וואָס איז נוטה צום פרייען אויסדרוק פון עמאָציעס און רעאַליזם, כאָטש ער באַשטייט אויף אומדירעקטקייט און אַנדייט, רמז? דער שטאַרקער אָפּטימיזם פון דעם מחבר פון Leaves of Grass (בלעטער פון גראָז) — דאָס איז אפשר לויט מאַמזעל דזשאָנס, דער היפוך פון עדגאַר פּאָס קרענקלעכע טענדענצן און וויטמאַנישע ראַפּסאָדיעס צו אינדוסטריעלע דערגרייכונגען... לויט אונדז נעמט זיך וויטמאַנס טעאָרעטיזירן דירעקט פון פּאָ, וואָס איז אומדירעקט דורך קאָלרידזשן־געווען באַאיינפלוסט פון די דייטשישע פילאָזאָפן (און, לויט רענע וועלעק, האָט פּאָ נישט אָנגעגעבן די קוואַלן פון זיינע ידיעות).

✶

געטע און שילער זיינען געווען קלאַסיקערס און עס איז אוודאי אַ ביסל געוואַגט, ווען דער נאָר וואָס דערמאָנטער רענע וועלעק דער־קלערט:

> This conflict was in part purely personal, a detailed history of the relations between Goethe and Schiller and the Schlegels Schools.

(דער דאָזיקער קאָנפליקט איז טיילווייז געווען אַ ריין פּערזענלעכער, אַ גענויע געשיכטע פון די באַציונגען צווישן געטע און שילער און די שולעס פון די שלעגעלס).

צו באַהויפּטן אַז געטעס קלאַסיציזם נעמט זיך פון דעם וואָס די

שלעגעלס האָבן נישט נושא חן געווען אין געטעס אויגן איז באמת אַ ביסל צו שטאַרק. אָבער אַז די ווערק פון אַט די קלאַסיקערס זיינען פול מיט רמזים און סימבאָלן, וועט, דאַכט זיך, קיינער נישט לייקענען. (עס איז אפילו נישט וויכטיק אַז געטעס קלאַסיציזם האָט זיך אָנגעהויבן נאָך זיין איטאַליענישער רייזע, הגם דער העלעניזם זיינער איז דווקא טיילווייז געווען ראָמאַנטיש).

מיר האָבן שוין אַ סך מאָל דערמאָנט, אַז ווערלען האָט נישט ליב געהאַט צו טעאָרעטיזירן. ווערלען האָט נישט אַנטדעקט דעם סימבאָליזם, ער האָט אויך נישט דיריגירט די צוקונפטיקע אַנטוויקלונג. עס איז פאַר אים געווען נאַטירלעך צו לינדערן די שטרענגקייט פון דער פראַנצויזישער מעטריק, ער האָט אומבאַוווסט אָפּגעשפּיגלט די שוועבנדיקע אַספּיראַציעס וואָס האָבן דערפירט צו בויגעוודיקייט מיט פערז־ריטם אָן אַ באַשטימטער פאָרם, „וווּ עס מישן זיך גאָטישע און קריסטלעכע אינספּיראַציעס, פּלאַסטישע און געצנדינערישע עלעמענטן פון וואָגנען זיי שטראַלן אַרויס אויף תמיד פאַר דער צוקונפט, ווו עס ווערן געבוירן די זינלעכע און די אידעאַליסטישע דאַקטרינעס". און לויט שאַרל מאָריס קען פון די דאָזיקע ווערק גאָרנישט אונטערגיין, ווייל אומעטום געפינען זיך שטריכן פון דער מאָדערנער נשמה אין אירע לעבעדיקסטע פאַרשטעלונגען און אַזוי פאַרשיידן אין זייער שטענדיקער ערנסטקייט, אַמאָל אָן איינגעהאַלטנקייט ביז נאַיוויטעט, אָן אַנדערטמאָל קלוג ביז צו ציניזם, נישט איין מאָל פאַרזיכטיק ביז צום שלעכטן געוויסן און אָן אַנדערטמאָל אומשולדיק ביז צו הייליקייט און אַ מאָל פריילעך ביז צו „משוגעת", און טיילמאָל טרויעריק ביז צום טויט. אַט דערפאַר פאַרשטייען מיר פאַרוואָס די פראַנצויזן ווילן דערגיין צו אַ מין אַפּיקורסישן מיסטיציזם, וואָס יעדער טייטשט אים אויס אויף זיין אופן, וואָס דאָס מיינט נישט תמיד דאָס

זעלבע. ווערלען, אָבער, וועלכער האָט נישט אַנטיילגענומען אין פעסטשטעלן טעאָריעס, רופט אויס סאַרקאַסטיש: „סימבאַליזם?.. איך פאַרשטיי נישט... ס'מוז זיין אַ דייטשיש וואָרט, נישט אמת? וואָס איז עס דען, וואָס וויל דאָס מיינען? איך, אגב... ווען איך לייד, ווען איך פריי זיך, ווען איך וויין, ווייס איך גאַנץ זיכער, אַז דאָס איז נישט קיין סימבאָל. זעט איר, די אַלע אויסטייטשונגען — דאָס זיינען דייטשמעריזמען (des allemandismes).״

„די קונסט דאַרף קודם כל זיין און דערשיינען קלאָר. דאָס איז אַן אַבסאָלוט געזעץ, אַ נויטווענדיקס און האַרטס. נישט אמת? אָבער דאָס איז געזעץ... קונסט, קינדער מיינע, דאַרף זיין זי אַליין... דאָס איבעריקע — איז ליטעראַטור״.

מיר האָבן, דאַכט זיך, שוין דערמאָנט, אַז סימבאַליזם האָט זיינע וואָרצלען שטעקן אין ראָמאַנטיזם. אַזוי האָט נאָוואַליס, וואָס האָט נישט מסכים געווען מיט דעם אופן ווי די וועלט פירט זיך, געחלומט צו ווערן גאָט. און רעמבאָ פיאַסקאָ אין לעבן האָט זיך גענומען דער־פון, וואָס ער האָט מיט אַלע זיינע פעיקייטן נישט געקאָנט ווערן „גאָט״.

מרמז זיין, נישט דערציילן, ערנסט אַנאַליזירן, ריטמיזירן די פּאָ־עמעס וואָס זיינען סימבאָלן, דאָס איז אין דעם מאָמענט דער ציל פון דער קונסט. דער רעשט איז צייטפאַרטרייב אָדער האַלבע וויסנשאַפט, אַזוי האָלט ווערלען. שאָפּענהאַוער, זאָגט רעמי דע גורמאָן, האָט וואול־גאַריזירט די פאָרמולע: „דער תמצית לאָזט זיך נישט אויספאָרשן אויף אַן איינפאַכן און קלאָרן אופן״. „די וועלט איז מיין רעפּרעזענ־טאַציע (פאָרשטעלונג), איך זע נישט וואָס זי איז באמת, נאָר דאָס וואָס איז, איז דאָס וואָס איך זע״. וויפל דענקענדיקע מענטשן עס זיינען פאַראַן, אַזוי פיל וועלטן זיינען דאָ. יעדע זאַך האָט צוויי אַס־

פּעקטן: דעם מאַטעריעלן און דעם אידעאַלן. עס זיינען בכן פאַראַן צוויי וועלטן: איינע וואָס פירט זיך דורך דירעקטע איינדרוקן, די אַנדערע וואָס איז אינטואיטיוו, אַ פּראָדוקט פון דער נשמה וואָס ווירקט כדי צו אַנטפּלעקן די פאָרמען פון דער ערשטער וועלט... דערפון איז געדרונגען, אַז דער רעאַליזם און דער אידעאַליזם זיינען צוויי ריכטונגען פון גייסט, צוויי אופנים וואָס אינטערפּרעטירן דאָס לעבן. די מיסטישע אויפפאַסונג פונעם אוניווערס שטאַמט מער ווייניקער פונעם נעאָ־פּלאַטאָניזם. „ס׳איז לייכטער, לויט פּלאַטאָ, צו זאָגן צו וואָס אַ זאַך איז געגליכן, איידער וואָס אַ זאַך איז". סוועדענבאָרגס טעאָריע פון שייכותן וואָס האָט אינספּירירט באָדלערן צו זיין פּאָעמע „קאָרעספּאָנדאַנס", האָט אים געמאַכט זען אַז „דער מענטש גייט דורך אַ וואַלד פון סימבאָלן..." רעמבאָ איז געגאַנגען אין די פוסטריט פון באָדלערן און ווערלענען, וועלכער איז אָוודאי געווען באַאיינפלוסט פון רעמבאָ, האָט זיך באַנוצט מיט ווערטער וואָס זייער זין איז נישט געווען קיין דירעקטער, נאָר וואָס האָט מרמז געווען אויף אַן אידעע וועלכע האָט פאָרמאָגט אַ סוגעסטיוון ווערט. וויכטיק איז געווען דער מוזיקאַלישער ווערט פונעם פערז, וואָס רעפּראָדוצירט די באַוועגונג פונעם מוח, וואָס גייט געפּאָרט גלייכצייטיק מיטן פילן. דעריבער האָבן די יונגע דיכטערס זיך געזאַמלט אַרום מאַלאַרמע און ווערלען, וועלכער איז אַ געוויסע צייט ווידער געבליבן פאַראייניזאַמט. מאַלאַרמע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מעלאַנכאָליע און עקסצענטרישקייט וואָס איז געווען כאַראַקטעריזירט דורך פשטות און אומדירעקטקייט, זיין פערז איז באַשטאַנען פון סימבאָלן צוגעפּאַסטע צום אומבאַשטימטן צושטאַנד פון מוח מיט אונטערבאַוווסטע אידעען.

אינטערעסאַנט איז, וואָס ווערלען, וועלכער האָט זיך אויסגעלאַכט פון שולעס און ריכטונגען האָט אַליין געהערט צו דער דאַזיקער

שולע, און איז אפשר, נישט ווילנדיק, געווען איינער פון אירע שאַפערס. הגם דער סימבאָליזם איז, ווי געזאָגט, אין פראַנקרייך צום גרויסן טייל געשאַפן געוואָרן דורך פרעמדע (גוסטאַוו קאַהן, זשאַן מאָרעאַס, וויאַלע גריפען, א.א.), האָט ער זיך אָבער פון פראַנקרייך־אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט. אָבער דווקא ווערלען האָט צע־טרייסלט, מער בויגעוודיק געמאַכט דעם פראַנצויזישן פערז. מחמת לויטן כאַראַקטער פונעם פראַנצויזישן טעמפּעראַמענט, איז די פּאָעזיע אין פראַנקרייך געווען אַריינגעשטופּט אין אַ „שולחן־ערוך" פון כללים וואָס זיינען מיט דער צייט פאַרגליווערט געוואָרן.

דער דייטשישער איינפלוס אויפן פראַנצויזישן סימבאָליזם איז נישט יעדן איינעם געווען ניחא. ווי עס זאָגט טעאָדאָר דע־וויזשעוואַ אין „מערקיר דע פראַנס": „איך זע גאַנץ קלאָר וויפל שאָדן די דייטשישע השפעה האָט זייט צוואַנציק יאָר קאָנסעקווענט געבראַכט אויפן פראַנצויזישן גייסט. זי האָט גורם געווען דערצו אַז דער פראַנצויזישער גייסט זאָל פאַרלירן זיינע שענסטע מעלות. דאָס באַדערפעניש נאָך אָרדנונג און קלאָרקייט, איך מיין דאָ זיין זשעני (דעם דייטשישן זשעני) וועלכער שטייט אין היפוך צום פראַנצויזישן זשעני... אונדזערע פּאָעטן און קינסטלערס האָבן זיך שוין צו שטאַרק אָפּגעווענדט פון דעם וועג וואָס איז פאַר זיי נאַטירלעך".

פּאָל ווערלען איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַר אַלעמען אַנטי־ראַציאָנאַליסטיש און איז געווען באַרעכטיקט אַריינגענומען צו ווערן צווישן די וואָס האָבן זיך נישט געפילט באַקוועם אונטער אַזוי פיל פרעמדער השפעה.

דער מיסטיציזם איז, ווי געזאָגט, געווען אַ וויכטיקער עלעמענט פון סימבאָליזם. „דער אוניווערס איז נאָר אַ סימבאָל פון גאָט, און וואָס איז דער מענטש אַליין, אויב נישט אַ סימבאָל פון גאָט? די

קונסט איז דער סימן מובהק פון דער אָנוועזנהייט פון גאָט". קינסטלע־רישער מיסטיציזם, אַזוי ווי יעדע אידעע פון קונסט, אַנטהאַלט אין זיך אַ מיסטעריע, די מיסטעריע פון חלום, פון אונטערבאַוווסטזיין, פון גרויסער קונסט. דאָס איז דאָס געביט אויף וועלכן דער סימבאָליזם האָט זיך באַוועגט און האָט זיך געקענט אויסלעבן. דער באַוווסטער פראַנצויזישער קריטיקער פון פּוילישן אָפּשטאַם, וויזשעוואַ האָט זיך באַקלאָגט, אַז די פראַנצויזן פאַרלירן זייער זין פאַר סדר און קלאָרקייט.

די שאָפּענהאַוערישע אידעע פון ווילן וואָס איז בלינד, אומפּער־זענלעך, לגמרי גלייכגילטיק צו מענטשלעכע אַספּיראַציעס צו גליק אָדער גוט, אָדער אמת: „די וועלט ווי אַ ווילן און פאָרשטעלונג" (Die Welt als Wille und Vorstellung) האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף דער תּקופה פון אויפקלערונג; אָבער ווי אַזוי די פראַנ־צויזישע פאָרשערס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אויף גאַנץ פרעמדע דרכים איז באמת מאָדנע. דער תּירוץ איז אַז חוץ די פילאָזאָפן און אַנדערע איז געווען אויך וואַגנער. און הגם באָדלער האָט אַ סך צוגעהאָלפן אַז וואַגנער זאָל אין פראַנקרייך אָפּגעשאַצט ווערן, האָט ער דאָך וואָס שייך מיסטיציזם, נוטה געווען גיכער צו סווועדענבאָרגן איידער צו דער דייטשישער שורה פילאָזאָפן ווי שאָפּענהאַוער, העגעל, שעלינג א.א. באָדלער האָט פאַרשטאַנען אַז אַלץ וואָס ווערט אויפגענומען אינטו־איטיוו, אָן דער קאָנצעפּציע פון ווילן, איז אַ פּאַסיקער מאַטעריאַל פאַר קונסט.

✶

לאָמיר זיך אומקערן צו ווערלענען גופא. זיין בוך „די פאַרשאָל־טענע פּאָעטן" (Les poètes maudits) האָט אים געבראַכט „דאָס גרויסע געווינס". נישט נאָר די יוגנט, נאָר אפילו די עליטע פון דער

ליטעראַטור האָבן אָנגעהויבן זיך ערנסט צו אים צוצוהערן. און הגם ער האָט אַריינגעבראַכט אַ סך חידושים אין דער מאָדערנער פראַנצויזישער פּאָעזיע, האָט ער דאָך צום טיפסטן פאַרשטאַנען נאָר זיך זיין אייגענע נשמה. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז ער איז נישט בכוח געווען צו דערקלערן זיינע אַספּיראַציעס, און אויך נישט זיין מעטאָד פון שרייבן. נאָך מער, מען האָט פון אים דערוואַרט ער זאָל שרייבן אויף דעם זעלבן אופן, מיטן זעלבן כוח ווי נאָך די „ראָמאַנסן אָן ווערטער״ (Romances sans paroles) און... אויב נישט נאָך העכער״... געוויס איז שיין צו פילן אַז די וועלט הערט זיך צו צו דעם וואָס דו האָסט צו זאָגן, צו דעם וואָס דו האָסט שוין געזאָגט. טעאָרעטיזירן, אפילו וועגן זיינע אייגענע דערגרייכונגען, האָט ער צום גרויסן טייל איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע.

***

אויף זיינע עלטערע יאָרן האָט ווערלען געהאַט באַציונגען מיט פאַרשידענע פרויען. אין די לעצטע יאָרן זיינען געבליבן צוויי, מיט וועלכע ער האָט געלעבט ביז צום סוף: די ערשטע איז געווען אסתר בורדען, וואָס האָט זיך גערופן פילאָמענע. די צווייטע איז געווען עוזשעני קראַנץ, וועלכע איז בשעתו געווען אַ צירקוס־רייטערין. זיי האָבן אים ביידע דערגאַנגען די יאָרן און דאָס האָט געווירקט אויף זיין לעבן און זיין שרייבן. ער איז געווען פאַרליבט אין ביידע און אפשר מער אין אסתר בודען. זי איז געווען מער אָדער ווייניקער ליב, געטריי, זי האָט אָבער געהאַט אַן אַנדערע פאַרבינדונג און האָט געגנבעט זיין געלט. און אין דער זעלבער צייט איז ער געווען פאַרבונדן מיט עוזשעני קראַנץ. ביידע פרויען זיינען געווען אומערלעך, זיי זיינען נישט געווען יונג און אויך נישט שיין. זיי האָבן אים ביידע

אויסגענוצט, האָבן אים אפילו געשלאָגן. אָנשטאָט אַ היים האָט ער פאַר זיך געשאַפן אַ גהינום... עס האָט נישט געהאָלפן ווען מען האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין די געפאַלקייט אין וועלכער ער לעבט. די וואָס פלעגן צו אים קומען זיינען אָפט געווען עדות פון סצענעס פון ווערלענס שקלאַפעריי צו דיביידע האַלב־וועלט־פרויען.

אָט ווי אַזוי ווערלען טענהעט צו זיך:

„דו טרינקסט, דאָס איז שרעקלעך!
פונקט אַזוי פיל ווי איך,
איך טרינק, דאָס איז אַ בושה,
דאָס איז נישט מער וואָס מ׳רופט אָן לעבן...״

אין אָט דער אַטמאָספער פון צוויי פאַרעלטערטע פּראָסטיטוטקעס האָט ווערלען כמעט ווי אונטער אַ בייטש געמוזט ליפערן אַ פּאָעמע יעדן טאָג, פּאָעמעס וואָס וואַניע (זיין אַרויסגעבער) האָט פאַר זיי אפשר געצאָלט גראָשנס. קיין פריינד האָבן די פרויען צו אים נישט צוגעלאָזט. אָבער, ווי מען זאָגט דאָס אויף דייטש: Es geschehen noch Zeichen und Wunder. ווערלען ווערט פלוצעם פאַרבעטן אויף אַ לעקציע־טור אין אויסלאַנד. מען האָט אים שוין לאַנג געהאַט דער־קענט אין אויסלאַנד, בעת דאָס דערקענען אין פראַנקרייך איז געקומען זייער פּאַמעלעך, בעיקר צוליב אַ געוויסן סנאָביזם וואָס שייך דער צעלאָזנקייט פון זיין לעבן. ער איז, לויט זיי, אַרויס „לתרבות רעה״ און האָט נישט געלעבט לויט די בירגערלעכע אויפפאַסונגען פון זיינע חברים.

ער ווערט פאַרבעטן קיין לאָנדאָן צו האַלטן דאָרט אַ לעקציע וועגן דעם מצב פון דער ליטעראַטור אין פראַנקרייך. און ביי דער

געלעגנהייט שרייבט ער צו עוזשעני: „וואָס שייך דעם בראַסלעט, וועל איך זען וואָס מען קען טאָן. צי טראַכטן ערנסט וועגן אונדזער חתונה האָבן? אויב יאָ, וועט מיר דאָס געבן דעם גרעסט פאַרגעניגן אין מיין לעבן. מיר וועלן רעדן מיטן בירגערמייסטער ווען דו וועסט וועלן. חוץ דעם וועט דאָס זיין דער זיכערסטער וועג צו פאַרזיכערן דיך אויף נאָך מיין טויט. יאָ, מיין טייערע, דאָס איז אַלץ וועגן וואָס איך טראַכט. איך האָב ליב בלויז דיך, און נאָך ווי שטאַרק! דאָ לעב איך אַ לעבן פון אַ פּאַשאַ. און אומזיסט, גראַטיס! שרעקלעכע „דיי־נערס", טעאַטער און מוזיקהאַל. אָבער דאָס אַמוזירט מיך נישט אינ־גאַנצן. מיר וואָלט אַ סך ליבער געווען צו זיין מיט מיין עוזשעני, אפילו אויב זי איז אין אַ בייזער שטימונג, ווי זי איז... צומאָל! איך טרינק דאָ נישט און איך וועל קיין מאָל מער נישט טרינקען, אויב מיין טייערסטע פאַרווערט מיר דאָס..."

דער לעקציע־טור האָט נישט וויניק פאַרבעסערט זיין פינאַנציע־לע לאַגע. ער ווערט ניי אויסגעקליידט, קריגט אַ באַנבילעט און פאַרקערט מיט די אַרטיקע פאַרשטייערס פון דער ליטעראַטור גלייך אויף גלייך. ער באַזוכט האָלאַנד, בעלגיע, ענגלאַנד. אין נאָוועמבער 1892 באַזוכט ער האָלאַנד — מען רעזערווירט פאַר אים אַ ספּעציעלן קופּע אין צוג און ווען די באַן פאָרט דורך דורך מאָנס, דערזעט ער די רויטע טורעמס פון דער תפיסה און שרייבט אַ ליד געווידמעט דעם דאָזיקן אַנשטאַלט וווּ ער איז געזעסן אַרעסטירט צוויי יאָר.

מלכה לאָקער

כ׳האָב ווידער געזען

כ׳האָב ווידער געזען, האָפּערדיק כמעט
די שטאָט וואָס האָט אויפגענומען מיך אַמאָל,
אין יענע פינצטערע חדשים,
מיין אומגליק דעמאָלט פול צער און אָן בטחון,
מיינע זיפצן דעמאָלט, ווער קען דען טרעפן זייערע צאָל ?
כ׳האָב ווידער געזען האָפּערדיק כמעט
די מויערן שיער נישט פאַרגעסן, פינצטער אין זכרון.

דער צוג איז געלאָפן — ווייסע סטענגע אין דער לופט
פאַרביי דער בלוטיק רויטער אַרכיטעקטור
ווו כ׳האָב געלעבט צוויי לאַנגע ווינטערס
און אַ גאַנצן זומער, אָן אַן אַוואַנטורע.
דער צוג איז געלאָפן — ווייסע סטענגע אין דער לופט
זיך וויגנדיק מיט מיר כמעט ווי אין אַ טראַנס.

אומדאַנקבאַר מענטשלעך האַרץ ! דערמאָן זיך דאָך
דזשענטלמען אימפּראָוויזירטער, וואָס שפּאַצירט.
דערמאָן זיך דאָך, דאָ האָט אמונה
אָפּגעהיט פאַר זינד צו וואָס די שטאָט פאַרפירט.

אין האַג ווערט ער אויפגענומען מיט גרויס כבוד דורך דעם מאָלער צילקען אין זיין ווילע „העלענע״ און ער גיט דאָרט זיין ערשטע לעקציע וועגן דער מאָדערנער פראַנצויזישער ליטעראַטור. ער רעדט וועגן זיין לעבן, וועגן פּאָעזיע און ער לייענט פון זיין בוך Sagesse. זיין קול איז הייזעריק, אָבער דער העפלעכער עולם נעמט אַלץ אָן פאַר ליב. ער האָט נאָך גערעדט אין ליידען, אין אַמסטערדאַם און קומט אַהיים אַ צופרידענער מיט זיך און מיט זיין דערפאָלג. ווערלען רעפע־רירט אין בעלגיע אין בריסל, גענט, ליעזש און אַנטווערפּן. דאָס איז געווען אין יאָר 1892.*

דער דאָזיקער לעצטער אָפּקלאַנג פון חשיבות האָט נישט נאָר געווירקט אויף ווערלענען אַליין, ער האָט אויך גורם געווען צו אַן אַנדערער באַציונג צו אים מצד די פראַנצויזישע פּאָעטן און מצד דער עפנטלעכקייט בכלל.

✶

אַזוי האָט געלעבט און געליטן פראַנקרייכס פּיאָנער פון אַ נייער תקופה, פון דער תקופה פון סימבאָליזם. מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז ער אַליין וואָס איז געווען דער וועגווייזער פון אַ נייער שטרע־מונג, האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט, געלאַכט פון יענע וואָס האָבן געוווסט... דער גורל האָט עפּעס ווי געשפּילט זיך מיט אים. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ געליבטער פרוי און פאַרלאָזט זי צוליב אַ יונגן פּענאָמען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור — צוליב אַרטור רעמבאָ. ער דערגייט צו אַ דראַמאַטישן אַבסורד וואָס ברענגט אים צו

* אין יאָר 1893 האָט ווערלען בדעה געהאַט צו האַלטן אַ לעקציע אין זיין געבורט־שטאָט מעץ, אָבער די דייטשישע באַזעצונגס־מאַכט האָט עס נישט צוגעלאָזט.

יאַרנלאַנגער תּפיסה, אַרויסגעקומען פון דער תּפיסה, פּרוווט ער אויס־צוהיילן דעם ריס וואָס איז אַנטשטאַנען אין זיין לעבן, צוליב אַרטור רעמבאָ. דאָס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן...

זיין גאַנץ לעבן האָט ער געבענקט נאָך אַ געאָרדנט לעבן מיט כאָטש אַ ביסל קאָמפאָרט און ער איז אַרומגעלאָפן אָפּגעריסן און אָפּ־געשליסן ווי אַ בעטלער אויף דער גאַס.

ער איז געווען איינער פון די פיינסטע פראַנצויזישע פּאָעטן און ער איז אַנטדעקט געוואָרן דורך פרעמדע אין ענגלאַנד, למשל דורך אַרטור סימאָנס, ווי אויך אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער, ווי האָ־לאַנד, בעלגיע, א.א.וו.

זיין יאָמערלעכער פינאַנציעלער מצב ווערט אַדאַנק איינלאַדונ־גען אויף אַ לעקציע־טור אין די אויבן דערמאָנטע לענדער פאַרבע־סערט און, וואָס איז נאָך אַ סך וויכטיקער, עס ווערט אַזוי אַרום אויפגעוועקט די אויפמערקזאַמקייט פון דער פראַנצויזישער עליטע און פון דער פּענוועלט צו אָט דעם פאַרשטויסענעם דיכטער.

ערשט ווען ער שטאַרבט דעם 8־טן יאַנואַר 1896, 7 נאָך מיטאָג, אויף אַן עלנטן אופן, דערוועקט זיך עפּעס ווי חרטה אין זייער גע־וויסן און עס באַגלייטן אים אויף זיין לעצטן וועג, כדי אים מספּיד צו זיין, די גרעסטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

ווען עוזישעני קראַנץ האָט געזען און געהערט וואָס מען האָט געזאָגט וועגן דעם פאַרוואָגלטן מענטשן וועלכן זי האָט געפּייניקט אָן אַ שיעור, האָט זי אויסגערופן מיט טרערן: „פּאָל, פּאָל, עס זייַנען אַלע דאָ, די גרויסע. געקומען אַלע זיך געזעגענען...“

***

מיר וועלן פאַרענדיקן מיט די עטלעכע ווערטער וואָס עס האָט געשריבן וועגן פּאָל ווערלענען איינער פון די אָנגעזעענסטע פראַנצוי־

זישע ליטעראַטור־קריטיקערס און ליטעראַטור־היסטאָריקערס, אַלבער טיבאָדע: *

„ס׳האָבן באַדאַרפט אַוועקגיין מערערע יאָרן נאָך זיין טויט (דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט באָדלערן), אַז ווערלען זאָל אָנערקענט ווערן ווי איינער פון די גרעסטע פראַנצויזישע פּאָעטן. ער האָט עס נישט געקענט זיין אין דער צייט פון „פּאַרנאַס" וואָס האָט אויפגעצווונגען דעם אויער און דעם געשמאַק געוויסע פאָדערונגען פון עלאָקווענץ און פון אָטעליע־ליכט, און האָט מער אָדער ווייניקער איינגעהאַלטן אָדער צוריקגעבראַכט די קלאַסישער דאָגמע וואָס וויל אַז די פערזן זאָלן זיין שיין אַזוי ווי שיינע פּראָזע מיט נאָך עפּעס דערצו. דערויף האָט ווערלען געזאָגט אָנטשיידן ניין. ער האָט אויסגעלייטערט די פּאָעזיע און אַוועקגענומען פון איר דאָס גשמיותדיקע. אויב באָדלער האָט זיין האַרץ אָנטבלויזט פּסיכאָלאָגיש, האָט ווערלען זיין האַרץ אָנטבלויזט מוזיקאַליש.

זיין ליד פאַרמאָגט די אינטאָנאַציע פון די שטימען וואָס האָבן אויפגעהערט צו רעדן, אָדער וואָס האָבן נאָך נישט גערעדט. דאָס ליד זיינס איז נישט ענלעך אויף קיין שום זאַך פון דעם וואָס מ׳האָט געמאַכט פאַר אים, אויף קיין שום זאַך פון דעם וואָס מ׳וועט מאַכן נאָך אים. יעדעס ליד זעט אויס האַרט אין פאַרגלייך צו אָט דעם איידלסטן סאַמעט.

ס׳זענען אפשר בייטיק געווען דער מענטש אָן ווילן, דער זינדיקער, וואָס ער איז געווען, כדי ס׳זאָל זיך אויסבילדן דער דאָזיקער שניי און ס׳זאָל זיך אָפּזעצן די דאָזיקע פאַרלייכטערטע פּאָעטישע מאַטעריע".

* Albert Tibaudet, Histoire de la littérature française de 1789 à nos jours, Stock, Paris 1936, p. 478.

פון די אָפּרופן וועגן מלכה לאָקער און אירע שאַפונגען

קלאָד ווישעע, פּראָפעסאָר פון ירושלימער אוניווערסיטעט:

...מיט איר ווערק פּונקט ווי מיט איר לעבן ברענגט מלכה לאָקער אַ באַווייז פון איר פעסטער געטריישאַפט צו די גייסטיקע אוצרות פון איר פאָלק, וואָס צו זיין פּאָליטישער, קולטורעלער און מענטשלעכער באַפרייאונג האָט די אינטעלעקטועלע עליטע פון איר דור געבראַכט אַן אַנטשיידנדיקן צושטייער.

(פון זיין פאָרוואָרט צום בוך „ראָמאַנטיקער" אין פראַנצויזיש)

חיים ליבערמאַן:

...מלכה לאָקער איז געקומען אין דער פּאָעזיע — אַן איבער־ראַשונג פאַר זיך און אַן אַנטפּלעקונג פאַר אונדז.

מיט מלכה לאָקער איז אַ שטראַלנדיקער און גליענדיקער מענטש אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור. איר בוך איז אַ יום טובדיקער מחזור אין אונדזער פּאָעזיע... זי איז אַ דיכטערין מיט אַ וועלט־אָפּענעם געזיכט, מיט אַן אויג פאַר הימל און ערד, מיט אַ געהער פאַר די טיפסטע טריבן און איידלסטע רעגונגען, אַ זינגערין צוגלייך פון מאַטעריע און גייסט, פון אינסטינקט און נשמה.

(פון זיין פאָרוואָרט צום בוך „וועלט און מענטש", 1931)

מלך ראַוויטש:

...פּאַרטיפּטע לידער — כמעט אַלע אין ווייסן פערז — זענען דאָ אין די אַלעמאָל שיין און זייער עסטעטיש אַרויסגעגעבענע לידער־זאַמלונגען פון מלכה לאָקער...

(„מיין לעקסיקאָן", דריטער באַנד, מאָנטרעאָל, 1958)

פּאָל װערלען

ר. בת־יצחק:

...נאָכן ערשטן בוך לידער „װעלט און מענטש" װאָס איז דער־שינען אין פּאַריז אין יאָר 1932, איז דעם זעלבן יאָר דערשינען אין תל־אביב מלכה לאָקערס צװײטער בוך לידער: „דו". דאָס איז אַ לירי־שע זאַמלונג, װאָס עס האָט רעדאַגירט און דורכגעזיפּט דער אַלטער פרײַנד, דאַן נאָך זלמן רובאַשאָװ, רעדאַקציע־מיטגליד פון „דבר" און הײַנט זלמן שז"ר, דער נשיא פון מדינת ישראל. אין די דאָזיקע לידער האָט מלכה לאָקער צונױפגענומען אַ מיסטישע אָפּפילונג פון ייחוד הבורא, פון די פּײַזאַזשן פון לאַנד און פון דעם געליבטן מענטשן אין אײן װײַבלעכער כוללדיקער מזיגה, װאָס זי האָט איר אַ נאָמען געגעבן „דו"...

...אינטערעסאַנט איז, אַז אױך אין מלכה לאָקערס לירישע דיכ־טונג איז נישט פאַרשװוּנדן דער אינטעלעקטועלער יסוד, װעלכער איז איר סימן־הכר און װאָס האָט איר מסתם געדינט װי אַן איבער־גאַנג־בריק פון דער פּאָעזיע צו דער ליטעראַרישער פאָרשונג, מיט װעלכער זי פאַרנעמט זיך די לעצטע יאָרן. מלכה לאָקער אַלײן זעט עס נישט װי אַ פּגם. דאָס איז איר פערזענלעך װעזן, זי פאַרמאָגט גײסטיקע בײגונג און אַ באַװוּסטזיניקן װילן צונױפצופּאָרן אין איר שאַפן אירע געדאַנקען מיט אירע געפילן.

...[צען יאָר שפּעטער, אין 1942] איז אין לאָנדאָן דערשינען איר בוך לידער „שטעט". דאָס לעבן אין ברױזנדיקן לאָנדאָן איז פאַר איר געװען אַ ברכה. איר גײסטיקע װאַכזאַמקײט, װאָס האָט אָנגעהױבן װאַקסן מיט איר ליטעראַרישן שאַפן, האָט אַ סך געװוּנען אין דער ענגלישער הױפּטשטאָט, װאָס איז אױך אַ װעלט־צענטער פאַר פּאָעזיע, פאַר קולטור און פאַר קונסט — מער װי צען יאָר אינטענסיװ געזעל־שאַפטלעך לעבן און פאַרטיפן זיך אין אײראָפּעישער ליטעראַטור.

אין 1947 איז אין לאָנדאָן דערשינען איר לידער־בוך „די וועלט אָן אַ היטער" (אין העברעיש איז עס דערשינען אין דער איבערזעצונג פון אביגדור המאירי אין 1946), אין וועלכן ס'שפּיגלען זיך אָפּ די אימהדיקע יאָרן פון „בליץ"־קריג אין לאָנדאָן, פון יידישן חורבן אין אייראָפּע און פון וואַקסנדיקן קאַמף פון יידישן ישוב אין ארץ ישראל קעגן דער בריטישער הערשאַפט...

(„דבר־הפועלת", 10—9, סעפּטעמבער—אָקטאָבער 1963)

וועגן דעם בוך „ראָמאַנטיקער" אין יידיש

א. גלאַנץ־לעיעלעס:

...דער דיכטערין מלכה לאַקער קומט אָנערקענונג פאַר אָנשרייבן און אַרויסגעבן דאָס בוך ראָמאַנטיקער...

מלכה לאַקער האָט צענויפגעקליבן אַ סך מחשבות ווי אויך אַ סך באַלעזונקייט אין איר לפי ערך קליינעם בוך.

מלכה לאַקערס בוך איז — פאַר מיר — אַ דורכאויס נוצלעך און געוווּנטשן ווערק. אַ שאָד וואָס ביכער פון דעם מין זאָלן ביי אונדז זיין נישט אַ באַטירלעכע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, נאָר בבחינת זעלטנקייט, אַ טשעקאַווע ראַריטעט דערצו.

(„אידישער קעמפּער", 20.2.1959)

ד. זכאי:

כ'האָב געלייענט מלכה לאַקערס „די ראָמאַנטיקער". וועלנדיק דערפאַרשן דאָס שרעקלעכע שווייגן פון די גייסט־מענטשן וואָס מיר זענען געווען עדות פון אים אין די טעג פון דער מלחמה און חורבן, האָט [מלכה לאַקער] געווענדט אירע אויגן צו דער ראָמאַנטיק, צי איז נישט אין איר פאַרבאַהאַלטן דער שורש פון דעם ביטערניש און

שלעכטס פון וועלכן ס׳איז אַרויסגעוואַקסן דער חורבן; וואָס איז אַדורך איבער דעם מענטשהייט. דאָס איז דאָך נישט געווען קיין פּלוצעמדי־קער אויסברוך. דאָס האָט געטליעט ערגעץ ווו אין אַ באַהעלטעניש און מיר האָבן געשניטן דעם שרעקליכן שניט.

(„דבר“, 24.10.1958)

י. גאָטפאַרשטיין:

...אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק איז מלכה לאָקערס בוך אַ גאָר זעלטענע פּרי — און עס לוינט זיך צו מאַכן אויף איר שהחיינו. דאָס בוך איז אַ מועט המחזיק אַא המרובה.

...מלכה לאָקערס בוך איז אַ שיינער צושטייער צו דער פאָרשונג פון דער ראָמאַנטישער תקופה אין דער וועלט־ליטעראַטור. דאָס בוך איז אַן אמתר מעין המתגבר. וואָס מער מען שעפּט פון אים אַלץ מער אידעען, אַלץ מער געדאַנקען, אַסאָציאַציעס און אָנצוהערענישן שלאָגן פון אים אַרויס.

(„די גאָלדענע קייט“, 34, 1959)

וועגן דעם העברעישן בוך „פני הרומנטיקה“

מ. אונגערפעלד:

...דאָס איז אַ באַלערנדיק בוך פאַר ליבהאָבער פון ליטעראַטור... מ׳פילט אַרויס לויט דעם עלעגאַנטן סטיל, אַז געשריבן האָט אים אַ דיכטערין.

(„הצופה“, 24.8.1962)

אדיר כהן:

...די זאַכן זענען געשריבן מיט אַ סך געפיל, מיט פאַרשטענ־

דעניש און מיט אַ ראַפינירטן געשמאַק און זיי זענען אַ וויכטי־קער צושטייער פון אַ ליטעראַטור־ליבהאָבער צום פאַרשטיין פּונעם גייסט פון אַ גאַר וויכטיקער תקופה אינעם גייסטיקן לעבן פון מענטש.

(„ספרות ואמנות״, 11.4.1962)

מ. א.

די אויטאָרין האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו באַ־לייכטן אין איר נייעם בוך די עיקרדיקע דערשיינונגען און די בולט־סטע געשטאַלטן פון דעם ראָמאַנטישן שטראָם אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור ווי אויך צו אַנאַליזירן די אייגנשאַפטן און ווערטן וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו ווירקן איבער דער תקופה פון דער דאָזיקער ליטעראַרישער באַוועגונג, ביז צו אונדזערע טעג.

(„מאזניים״, אָקטאָבער 1962)

וועגן דעם בוך „זשאַן אַרטור רעמבאָ״

שלמה ביקל:

די דיכטערין מלכה לאָקער האָט גראָד אין די מלחמה־יאָרן אין לאָנדאָן, „ווען די וועלט פון דער אייראָפּעישער קולטור זיינען צוזאַמענגעבראָכן איבער אונדזערע קעפּ אויף אַ ממשותדיקן אופן״, אַנטפּלעקט אָדער פונדאָסניי אַנטפּלעקט פאַר זיך רעמבאָן, וואָס איז פאַר איר דער סימבאָל פון דער אַקטועל געוואָרענער „נויטיקייט פּון אינטעגריטעט פון גייסט״, און — זי וויל טיילן איר רעמבאָ־איבער־לעבעניש מיט אונדז, יידיש־לייענער.

...[אירע] איבערזעצונגען [פון רעמבאָס לידער] ...זיינען בכוח צו סוגעסטירן דעם יידיש־לייענער עפּעס פון דער ווילדער שפּראַך־גבורה און פון די פיינלעך־שאַרפע וויזיעס פון רעמבאָס לידער.

(„צוקונפט", אַפּריל 1952)

ל. דאָמאַנקעוויטש:

...מלכה לאָקער וויקלט אונדז אויף די מגילה פון רעמבאָס לעבן מיט אַ סך זין פֿאַרן דאָזיקן לעבן. מיט אַ סך אינטערעס לייענט זיך דער אויסטייטשערישער טייל פון בוך, די הערות, באַמערקונגען, ליִרישע פּירושים און ציטאַטן. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ גרויס לעבן, אַ גרויסער גערעַנגל פון גיגאַנטישן גייסט, פון דער משפּחה פון מיטאָלאָגישן פּראָמעטעאוס. אויך ער איז גרייט געווען צו גנבענען פייער און וואַרפן פאַר די מענטשן. ער איז גרייט געווען אויף אַלע אינערלעכע טאָרטורן פאַר פּרווון פון אויסלייז. עס געלינגט דעם מחבר פֿון בוך „זשאַן אַרטור רעמבאָ" אונדז קלאָר צו מאַכן די ריזיִקע געשטאַלט פון גאונישן איבעררייפן קינד, וואָס צו 19 יאָר האָט ער שוין נישט מער געשריבן, און איצט, 80 יאָר דערנאָך, האָט אים נאָך אַלץ די וועלט נישט אויפגעהערט אויסצוטייטשן און אין אים אַריינצוטייטשן.

...די דיכטערין מלכה לאָקער האָט אונדז אַריינגעפּירט אין די מיסטעריעזע וויזיאָנערישע וועלטן פון איינעם פון די גרעסטע מייסטער פון דער פראַנצויזישער סימבאָליסטישער פּאָעזיע. מיט דעם האָט זי זיך פאַרדינט געמאַכט פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

(פון אַרטיקל: „לעבן און דיכטונג פון אַ זשעני", אין זיין בוך „ווערטער און ווערטן", י. ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב 1965)

מלכה לאָקער

וועגן דעם בוך „שאַרל באָדלער״

ישראל עמיאָט:

...מלכה לאָקער איז אומגעוויינלעך געבילדעט. איך שטעל מיר פֿאָר, אַז אונטער די 126 זייטן פֿון איר שאַרל באָדלער־מאָנאָגראַפֿיע ליגן חדשים אָדער אפֿשר יאָרן פֿון אָנגעשטרענגטער שטודיע, ווייל וועגן באָדלערן, דעם צווייטן גרעסטן פּאָעט נאָך וויקטאָר הוגאָ אין פֿראַנקרייך, איז שוין פֿאַראַן אַזאַ ברייטע ליטעראַטור, וואָס אַ גע־וויסנהאַפֿטער ליטעראַטור־פֿאָרשער מוז זי גרינטלעך שטודירן. דאָ קען מען נישט אָפּקומען מיט אַ מעק דאָ, אַ שמעק דאָ. בפֿרט אַז מען פּרעטענדירט אויף גרינטלעכקייט...

(„אונזער וואָרט״, פּאַריז, 5.12.1970)

דוד לאַזער:

...די גרויסע מעלה פֿון דער דאָזיקער מאָנאָגראַפֿיע איז וואָס זי איז נישט געשריבן דורך אַ „פּראָפֿעסיאָנעלן״ ביאָגראַף וואָס יאָגט זיך נאָך ביליקע „עפֿעקטן״, אויך נישט דורך אַ ליטעראַטור־קריטיקער וואָס זעט די ליטעראַרישע שאַפֿונג ווי אַ באַלזאַמירטן און פּאַרטריקנטן קערפּער, אָדער ווי אַ „פֿילאָלאָגישן און סעמאַנטישן מאַטעריאַל וועלכן מ׳קען אַנאַליזירן מיט דער הילף פֿון... מאַטעמאַטישע פֿאָר־מולעס״, נייערט וואָס זי איז געשריבן געוואָרן דורך אַ באַגאַבטער דיכטערין וועלכע איז אויסגעצבונדן אין אַלע סודות פֿונעם געדיכט, וועלכע איז בקי אין די הויפּט־שטראָמען פֿון דער פֿראַנצויזישער דיכטונג און האָט אונדז שוין מיט אַ צייט פֿריער געגעבן אַ מאָנאָ־גראַפֿיע וועגן דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און פֿראַנקרייך ווי אויך אַ גרינטלעכע שטודיע וועגן דער שאַפֿונג פֿון אַרטור רעמבאָ (ביידע ביכער אין פֿראַנצויזיש).

דאָס בוך אירס וועגן באַדלערן איז דעריבער געשריבן מיט דער פולער „פּראָפעסיאָנעלער" אויטאָריטעט, מיטן פולן וויסן און מיטן טיפן אַריינדרינגען אין די געהיימנישן פון דער דיכטערישער שאַ־פונג.

(„מעריב", 26.2.1971)

א. שאנן:

...נאָך אליהו מייטוסעס העברעישער איבערזעצונג פון „די בלומען פון בייז" איז געקומען דאָס בוך פון מלכה לאָקער און האָט אין א געוויסער מאָס פאַרלייכטערט דעם העברעישן לייענער צו דערגיין דעם סוד פון דעם וועלכער האָט אָנגעזאָגט די מאָדערניסטישע דיכ־טונג אין דער וועלט. אַזאַ צושטייער, כאָטש אַ באַשיידענער, דאַרף באַגריסט ווערן אויב ער איז טאַקע באַשטימט פאַרן פּאָפּולערן תחום אָן „פאַרשערישע" פּרעטענסיעס און אָן אויפטרייסלענדיקע אַנטדע־קונגען וואָס זיי זענען אַזוי אָנגענומען ביי אונדזערע מאָדערנע פּאָעזיע־קריטיקערס.

מלכה לאָקערס בוך טיילט זיך אַרויס צום גוטן פון אַ דער גאַנצער שרייערײַ, פון אַ דעם אַבסקוראַנטיזם. זי האָט באַדלערן גע־לייענט, האָט אים פאַרשטאַנען אַזוי ווי זי האָט אים פאַרשטאַנען, האָט זיך גענומען צו הילף עטלעכע אויסגערופענע קריטיקערס און האָט, אויף איר שטייגער, אַרויסגעפונען די אַנטינאָמיעס, די גייסטיקע קעגנ־זאַצן אין די פּראָזאַדישע באַזונדערקייטן אין באַדלערס פּאָעזיע. און געטאָן האָט זי עס אויף ביידע אָנגענומענע וועגן אין דער היינט־צייטיקער עסטעטיק: אויפן וועג פון דער פסיכאָלאָגיע (קודם כל און בעיקר) און פון דער פילאָזאָפיע (אַ סך ווייניקער).

(„דבר", 5.2.1971)

פאל ווערלען

מלכה לאָקערס דערשינענע ביכער

אין יידיש

וועלט און מענטש (לידער), פאַרלאַג „טריאַנגל", פּאַריז 1931, מיט אַ פאָרוואָרט פון חיים ליבערמאַן. 308 זייטן.

דו (לידער), פאַרלאַג „ים" תל אביב 1932, 80 זייטן.

די וועלט איז אַן אַ היטער, פאַרלאַג „אידישער קעמפּער", ניו יאָרק, מיט אַ הקדמה: בלעטער פון אַ טאָגבוך 1940/45, 1947, 122 זייטן.

שטעט (לידער־זאַמלונג), פאַרלאַג נאַראַדיצקי, לאָנדאָן 1942, 82 זייטן.

ירושלים, לידער, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל אביב 1967, 68 זייטן. שער־צייכענונג יצחק ליכטנשטיין.

די ראָמאַנטיקער (עסייען), (דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד), פאַר־לאַג די ברידער שולזינגער, ניו יאָרק 1958, 198 זייטן.

זשאַן אַרטור רעמבאָ, פאַרלאַג „אידישער קעמפּער", ניו יאָרק 1950, 219 זייטן.

שאַרל באָדלער, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל אביב 1970, 126 זייטן.

אין העברעיש

העולם ללא שומר, תרגום אביגדור המאירי, הוצאת עם עובד, תל אביב תש"ו, 120 עמ'.

פני הרומנטיקה, תרגום עזרא פליישר, הוצאת מוסד ביאליק, ירושלים 1962, 256 עמ'.

שרל בודלר, תרגום עזרא פליישר, הוצאת י. ל. פרץ, תל אביב 1970, 141 עמ'.

ארתור רימבו, תרגום אליהו מייטוס, הוצאת מוסד ביאליק, ירושלים 1973, 185 עמ'.

פול ורלן, תרגום אליהו מייטוס, הוצאת עקד, תל אביב 1975, 56 עמ'.

אין פראַנצויזיש

Jean-Arthur Rimbaud, le poète qui s'enfuit. Edition de la revue Synthèses, Bruxelles 1953.

— 2ème édition, Presses du Temps Présent, Paris 1965.

Les Romantiques, Allemagne, Angleterre, France, Presses du Temps Présent, Paris 1964.

Charles Beaudelaire, Presses du Temps Présent, Paris, 1970.

Poèmes, Jérusalem 1976.

אינהאַלט

אַריינפיר 7
Birds in the Night (ליד) 13
די באַציונגען צווישן ווערלען און רעמבאָ 14
פּאָל ווערלען (בילד) 17
ווערלען און רעמבאָ (צייכענונג) 18
אויפן שפּאַציר (ליד) 20
גיי רואיק דיין וועג (ליד) 35
גרויסער גאָט (ליד) 37
כ׳האָב מורא (ליד) 40
דער הימל איבער דעכער (ליד) 42
ס׳וויינט אין מיין האַרץ (ליד) 47
די אַנגסט (ליד) 51
Nevermore (ליד) 52
דער אָרעמער לעליאַן 57
ווערלענס אַ בריוו (פאַקסימילע) 68
ווערלען און דער סימבאָליזם 69
כ׳האָב ווידער געזען (ליד) 86
פון די אָפּרופן וועגן מלכה לאָקער און אירע שאַפונגען 90
מלכה לאָקערס דערשינענע ביכער 98